STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03072

LIEDER

Solomon Small

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה שמולעוויטש

ליעדער

פון

שלמה שמולעוויטש

ניו יאָרק — 1913

COLLECTION OF POEMS

by

SOLOMON SMALL

(Smulewitz)

Published by Solomon Small, 113 Belmont ave., Brooklyn, N. Y.

Copyright 1913 by Solomon Small, New York.

אַ פּאָר ערנסטע ווערטער פון מאָרים ראָזענפעלד

דער פּערפאַסער פון דיעזעס ווערק בעטראַכט זיך ניט אַלס געניאַלער דיכטער און קינסטלער, ער פאָדערט אָבער פאַר זיך די אַנערקענונג אַלס פעהיגער און בעגאַבטער מענש, וואָס האָט געשאַפען מיט ערפאָלג מאַנכע בעריהמטע פאָלקס־ליעדער, וואָס ווערען געזונגען אין דער גאַנצער וועלט.

זיין ליעד „אַ בריעוועלע דער מאַמען" איז דאָס ליעבלינגס־געזאַנג אין טויזענדע אידישע הייזער, און עהנליכע פאָלקס־ליעדער מיט שעהנע מעלאָדיען זיינען אַראָב מיט שמולעוויטש'ס פעדער.

אויף ווי ווייט איך האָב געלעזען מאַנכע פון זיינע ליעדער מוז איך זאָגען, דאָס ווען דיעזער פעהיגער פאָלקס־מענש וואָלט געהאַט די געלעגענהייט אין דער יוגענד צו בילדען און צו ענטוויקלען זיך, וואָלט ער געווען אַ בעוואוסטער טאַלאַנט.

ער האָט אָבער סיי ווי סיי דער אידישער ליטעראַטור קיין שאָדען ניט געבראַכט. זיין אויפטרעטען אויף די ניויאָרקער וואָדעוויל ביהנעס אַלס זינגער און דעקלאַמאַטאָר פון זיינע אייגענע זאַכען, האָט פיעל בייגעטראָגען צו די רייניגונג פון דער דאָזיגער ביהנע. מען האָט זיך גענומען בעמיהען אוועק צו וואַרפען די שמוציגע ציניש קופּלעטען און זינגען מעהר ערנסטע ליעדער, מען האָט גענומען נאָכטהאָן שמולעוויטש'ען.

שמולעוויטש מעג דערפאַר מיט רעכט פערלאַנגען, אַז אידען זאָלען קויפען זיין ווערק. זיי וועלען דערמיט די אידישע ליטעראַטור ניט שאַדען. זיי מעגען דעם שרייבער פּאַטראָניזירען, דען ער נויטיגט זיך אין סימפּאַטיע און פריינדשאַפט, וואָס זאָלען איהם קענען העלפען.

מאָררים ראָזענפעלד.

ברוקלין, נ. י., דעצעמבער 22, 1912.

מיינונג פון ה' אַלכסנדר האַרקאַווי.

דער פערפאַסער פון דיזער ליעדער־זאַמלונג איז דעם אידיש־שפּרעכענדען פּובליקום גאַנץ גוט בעקאַנט. שוין אַ צוואַנציג יאָהר ערשיינען פון ה' שמולעוויטש'ן שירים אין פערשיעדענע צייט־שריפטען, וואָס ווערען אַרויסגעגעבען אין אונזער מוטער־שפּראַך. ער דאַרף אַלזאָ, גלויב איך, קיינע רעקאָמענדאַציעס, קיינע פאָרשטעלונגען; ער האָט זיך אָבער איינגערעדט, אַז ער האָט צו זיין בוך נויטיג מיין הסכמה, און אַלס אַלטער בעקאַנטער קען איך איהם דיזען ביליגען פערגניגען ניט ענטזאַגען.

ה' שמולעוויטש פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ י ה ו א ש אָדער אַ ר אָ ז ע נ פ ע ל ד — ער איז איבערהויפּט אַ בעשיידענער עניוות'דיגער מענש אָהן פּרעטענזיעס; אָבער מען מעג זיין ניט אַזאַ דיכטער וויא איינער פון דיזע און דאָך פערנעהמען אַן אָרט אויף דעם פעלד פון דיכטונג. מען דאַרף וויסען, דאַס ה' שמולעוויטש'ס פעהיגקייט ליעגט דער עיקר אין פאָלקס־שירים צום זינגען. אין דיזער אַרט דיכטונג אין אידיש אין אַמעריקא שטעהט ער גאַנץ אַליין. דער פערשטאָרבענער י צ ח ק ר י י נ ג אָ ל ד, איז געווען דער ערשטער דיכטער פון דיזען מין אין דיזען לאַנד; זיינע ליעדער זיינען אָבער ניט געווען אַזוי אָריגינעל און וועניגער וויכטיג אין אינהאַלט ווי שמולעוויטש'ס.

אַחוץ פאָלקס־ליעדער צום זינגען האָט ה' שמולעוויטש אויך פערפאַסט דידאַקטישע געדיכטע, באַלאַדעס, עפּיגראַמען א.ז.וו., וועלכע פערדיענען געלעזען צו ווערען.

ה' שמולעוויטש'ס בוך פערדיענט אַן אָרט אין יעדען אידיש־שפּרעכענדען הויז.

אלכסנדר האַרקאַווי.

ניו יאָרק, 14. יאַנ. 1913.

אינהאַלט פערצייכניס

אַ פּאָר ערנסטע ווערטער פון מאָריס ראָזענפעלד I
מיינונג פון אַלכסנדר האַרקאַווי II
אנשטאט אַ פאָרוואָרט 1
פאר געלד און אָהן געלד 3
גאָט און טייפעל 4
אַ מיטינג ביי חיות 7
פרוי און מיטער 10
אַ פערלאַנג 13
דער שווערד און דער אַקער 14
דער בלוט-שטורץ 18
אין רעדאַקציע 21
ים און מענש 22
דער סקוהל-באָי 24
גלייכהייט 25
די קינדער 26
די דאגה און די מוזע 28
זומער-ליעדער 32
די נאַכטוואַנדלערין 33
די מלחמה 38
די ליעבע 40
אויפגאַנג און אונטערגאַנג 41
איך וויל 42
די פּאָרטגעשריטענע 43
אין טרוים און וואַכענד 44
אָה ! גיט מיר 45
דער צויבער-האָרן 46
די היים 48
דער שמייכלער 51
אַ גראָהע האָר 52
די וואָך פון שבעה 53
דעם נאַכטיגאַל'ס זינגען 54
פּאָעט און פּאָרטונאַ 58
נעבאך די רייכע 60
דער שלים-מזל'דיגער 64
מיט עהרליכקייט 66
צו איהר געבורטסטאג 68
אַלטע פעלקער 69
אונשטערבליכקייט 71
נאַטור-געזעטצע 72
שלום 73
אַ קאַפּיטעל דניאל 74
פּוסי-קעט 78
שבת'דיגע טרעהרען 79

אינהאַלט פערצייכניס

שטוינער פאַר שטיינער	81
לכבוד שבועות	82
הין-הער-פלעט	84
די געזונקענע	87
נאָך דער חופה	89
די מאַמע	92
פערשיעדענע געזאַנגען	93
ווען אַ דראַמאַ פאַלט דורך	94
די מוזע	96
דער אַיינדרוק וואָס ה׳ שמולעוויטש האָט געמאַכט אויף רעוו. צבי הירש מאַסליאַנסקי	98
מען דאַרף ביי גאָט קיין קשיות פרעגען	99
יום הכפורים	102
דאָס תהלים׳ל	105
דאָס טלית׳ל	107
אַ אידיש קינד	109
ויתן לך	111
אידעלע פערגעס ניט ווער דו ביסט	113
הייליגע מאָמענטען	116
די אידישע פרוי	118
דאָס אמת׳ע אידישע האַרץ	120
דאָס דעפעשעלע	122
די סדר נאַכט	124
די צוויי דורות	126
אל תשליכנו	128
אַ בריוועלע צו גאָט	130
אַ בריוועלע דער מאַמען	132
אַ בריוועלע דעם טאַטען	135
יתום׳ל, יתומה׳לע	137
די בלומענקרענצע	139
דער נאַסער קבר	142
עליס אַיילאַנד	145
מוטער׳ס געבעט	148
דער ערשטער חבר	150
די ליידען פון אַ פרוי	153
די פוילכען-בלומען	155
חוה	156
דער ענג שבת	159
שלש רגלים	161
וואָס אַמעריקאַ האָט און מיין שטעדטעל האָט ניט	163
די קהל׳שע קליאַמקע	165
קליינע גנבים הענגט מען און גרויסע באַנדיטען שענקט מען	167
אַ פויגעל אין אַ גאָלדען שטייג	169
דער הערינג	171
נדן-געלד	175
קומט צום פּאָינט	178
ס׳פעהלט דעם חזיר הערנער אַ פּאָר	180
איהר זייט אַ גרינער	182
זאָל מיינס איבערגעהן	184

אנשטאט אַ פאָרוואָרט

(די מוזע ברענגט מיר אַן עראינערונג פון מיינע קינדער־
יאָהרען צוזאַמען מיט איהר ברכה).

איך האָב דיר אין גאַס אַנגעטראָפען,
אַ באָרפוסען וויינענדיג שטעהן,
קיין עסען, קיין היים וואו צו שלאָפען,
אַ יתום'ל, איינער אַליין.

די גאַס נאָר, געוועזן איז דיין שוהלע,
אומאָרעמט דיך האָט נאָר דער ווינד ;
דו ביסט נאָך קיין דרייצעהן יאָהר פולע
ניט אַלט געוועזן, עלענדעס קינד.

און דאַמאָלס געדאַרפט האָט ענטשיידען
דער שיקזאַל דיין צוקונפט, דיין זיין,
צו וועסטו בעזיעגען די ליידען ?
צו דיך וועט בעקעמפפען די פיין ? . .

אָה ! דאַמאָלסט האָב איך דיר געגעבען
מיין אײנפלוס, זאָלסט דיכטען אַ שיר,
„פון עלענדען יתום'לם לעבען",
פון אַלץ וואָס פּאַסירט האָט מיט דיר.

נון האָט עס דיר זעהר געלונגען,
די ווערטער ווי אויך דער געזאַנג ;
האָסט אומעדיג־זים דאָס געזונגען,
אין האַרץ איז אַריין יעדער קלאַנג.

ווער ס'האָט דיר געהערט — האָט בעגאָסען
מיט טרעהרען דיין עלענד און נויטה ;
און דו האָסט דערפון שוין גענאָסען
צו שטילען דיין הונגער מיט ברויט.

פון דאַן האָסטו אָבער און ווידער,
געפאָדערט פון מיר מיין בעזוך ;
ביזט רייך שוין אין הונדערטע לידער,
איצט ברענגסטו דער וועלט דיינס אַ בוך.

איז דיין פרייד, דיין שמחה אויך מיינע !
פון האַרץ דיר מיין ברכה איך שיק ;
אַז די אַלע ליעדעלאַך דיינע
זאָל'ן ברענגען דיר כבוד און גליק.

די מוזע.

פאר געלד און אָהן געלד

עס קומט אַ זינגער און בעשטעלט
אַ ליעד ביי מיר צום זינגען,
איך מאַך עס איהם און קריג מיין געלד,
מיר דאַרפען זיך ניט דינגען.

ער גיט מיר נאָך אַ קאָמפלימענט :
„עס האָט זיך איינגעגעבען",
און איך ווייס אַז עס האָט קיין הענד,
קיין פיס, קיין לייב און לעבען.

דען נאָר ווען ס'קומט די זאַך אַליין,
מיט ניט פערקויפטע פפליכטען,
ווען נאָר די מוזע קומט צו געהן,
און זי בעפעהלט מיר דיכטען.

אָ, דאַן וואַכט אויף — עס נעהמט ניט לאַנג —
דער גייסט וואָס ליעגט אין דרימעל,
איך דיכטע דאַמאָלסט אַ געזאַנג ;
וואָס אַטהעמט לויטער הימעל . . .

גאָט און טייפעל

פריצים ווען זיי פיהרען קריעג
זיפּץ איך און בעדויער,
ניעדערלאַגע אָדער זיעג ?
פאַלען פאַלט דער פויער.

דאָרט הויך אין הימעל אויבען אָן,
פון שטראַהלען העלע שטעהט אַ טהראָן,
פון גאָט אַליין געמאַכט.
דער בייזער גייסט מיט קנאה פול,
אויך איהם פערגלוסט זיך אַזאַ שטוהל,
נאָר גאָט אין הימעל לאַכט.

און זאָגט צו זיך : „איך וועל שוין זעהן,
דעם טייפעל'ס וואונש זאָל ניט געשעהן,
כאָטש ער האָט זיך געפלייסט,
וואו וועט ער נעהמען מאַטריאַל ?
פאַר פייער — איז שוין לאַנג אַ כלל —
אַנטלויפט דער שלעכטער גייסט".

„פון וועלכע שטאָף" ? — טראַכט אויך צוגלייך
דער שד פון שוואַרצען קעניגרייך —
„זאָל זיין מיין שטוהל געמאַכט ?

אַהאַ ! ס'איז דאָ, עס געהט אַ גאַנג,
עס איז אַ טייפעלשער געדאַנק !
אונ טאַקי גאָר אַ פּראַכט".

ער קוועלט : „דער פּלאַן, פאַרדאַמט איז, פיין,
נייז, ניט פון פייער וועט ער זיין,
פון טרעהרען, טרעהרען פיעל" . . .
באַלד פאַנגט ער אָן זיין אַרבייט טהאָן,
אונ וועבט אונ פלעכט אונ בויט זיין טהראָן,
ס'געלינגט זיין טייפעל־שפּיעל.

ער זעלבסט די טרעהרען פּראָדוצירט,
ער נעהמט צונויף אונ קאָלעקטירט ;
די זאַפט פון נויטה אונ פּיין,
ער שיקט אָן עלענד, קראַנקהייט, שרעק,
אונ אַלע בייזע וויסטע שלעק,
אום טרעהרען זאָלען זיין . . .

עס האָט דער טייפעל זיך צושפּיעלט,
אונ תיכף האָט די ערד דערפיהלט,
דעם שווערען, בייזען יאָך.
עס זיפצט אַ יעדער ביטער, שווער,
עס גיסט זיך איבעראַל דער טרעהר,
עס מעהרט זיך קלאָג אונ בראָך.

אונ וואו מען זאָל ניט געהן, ניט שטעהן,
הערשט אונגליק, טרויער אונ געוויין,
עס פליסט אַ יאמער־קוואַל.

שוין מאַכט דער שד אַ פוס און צוויי
צום שטוהל, דאָך גאָט פערניכטעט זיי,
ער שיקט אַראָפּ זיין שטראַהל.

און לאַכט און טראַכט : „מיין ווילען איז,
דעם בעזען פירשט פון פינסטערניס
זאָל ניט געלינגען, ניין ! . . .
און וואָס עס קומט פון זיינע הענד,
זאָל ווערען פון מיין שטראַהל פערלענדט,
זיין ווערק זאָל ניט בעשטעהן" . . .

און ס'מיהט דער גייסט זיך אָהן אַ סוף,
און קלייבט און זאַמעלט טרעהרען־שטאָף,
פערגליווערט זיי, און מאַכט
אַ נייע פוס, פאַנגט ווידער אָן,
און וועבט און פלעכט, און בויט זיין טהראָן,
און גאָט צערשטערט און לאַכט . . .

א מיטינג ביי חיות

(אַ פאַבעל).

עס איז אַ ליאַרעם און אַ גוואַלד,
ביז די הימלען ממש:
עס שטורעמט אויף די לופט פון וואַלד,
דער פוקס, דער בית־דין שמש,
ער לויפט אַהן אַטהעם איבעראַל,
ער קלאַפּט אין אַלע גריבער,
אין יעדע נאָרע, אין יעדען שטאַל,
צום שוואַכסטען ווי צום גבור.
בעפויהלען האָט דער לייב, דער העלד,
בעפאָר ס'וועט ווערען ליכטיג,
אַ מיטינג מאַכען אויפ'ן פעלד.
פערהאַנדלען וואָס ס'איז וויכטיג.
פערזאַמעלט האַבען זיך אַהן צאָהל,
פון אַלע סאָרטען חיות.
דער לייב האָט מיט זיין שטורמיש קול
געברומט: „איך האָב וואָס נייעס!
הערט צו, רבותי! חיות, פריינד,
עס לאָזט זיך פיהלען, שפירען,
דער מענש, ער איז גאַנץ אַנדערש היינט,
ער וויל אונז קאָנקורירען.
דער בער האָט מיר געזאָגט ניט לאַנג,
דער מענש קען אויך צורייסען,

בעקלאָגט פאַר מיר האָט זיך דער שלאַנג :
דער מענש קען גיפטיג בייסען.
דער חזיר זאָגט : אין שווייגעריי,
איז פיעל דער מענש געשטיגען.
דעם שפּין'ס בעהויפּטונג איז גאָר ניי :
דער מענש, אין נאָז האָט פליגען.
דער הונד דערצעהלט : דעם מענשען'ס ביל,
איז הינטיש גאָר פאָלקאָמען.
דער עזעל זאָגט : דעם מענשען'ס ציעל,
איז אויסנוצען זיין נאָמען.
דער וואָלף, פאַר מיר האָט זיך בעקלאָגט :
דער מענש קען אויך פערצוקען.
און וואָס דער פוקס האָט מיר געזאָגט,
דאָס דאַרף מען פשוט דרוקען.
ער זאָגט : דער מענש בעהערשען וויל
דעם לייב, דעם בער, דעם טיגער.
עס דאַרף ביי איהם ניט נעהמען פיעל,
ער ווערט פון טאָג אַלץ קליגער.
ער איז געלערענט שוין כמעט,
אַזוי ווי אונזער קעמעל.
מען דאַרף אַלזאָ — הערט איין מיין ראַטה —
ניט געבען מעהר קיין דרעמעל,
עס זאָל ניט זיין די בעזע שעה,
דער מענש, ער ווערט געפעהרליך !
נון, שווערט מיר חיות, אַלע דאָ,
צו בלייבען טריי און עהרליך,
אין קאַמפף צוזאַמען טהעטיג געהן,
דער מענש זאָל זיך ניט שפּילען.

ווער ס'האָט נאָר נעגעל, שאַרפע ציין,
זאָל געבען איהם צו פיהלען.
ס'איז אונזער פפליכט און אונזער ציעל,
די חיה־רעכט בעוואַכען !
אויב ער אַליין קיין מענש זיין וויל,
דאַן וועלען מיר איהם מאַכען . . .
מיט אונז זאָל בלייבען דער סאָקסעס.
מיר דאַרפען מעהר ניט שווייגען,
דער מענש דאַרף קיין מאָל אין פראָגרעס,
אונז, חיות, איבערשטייגען . . . "
נון, ווער אַ לאַפּע, ווער אַן עק,
האָט אויפגעהויבען גערען
און יעדער האָט געזאָגט מיט שרעק :
מיר שווערען ! יא מיר שווערען !"

* * *

נאָך דעם געווען איז אַ באַנקעט,
וואו יעדער איז געגאַנגען,
פון אידעאַל האָט מען גערעדט,
אין זעלבער צייט געפאַנגען
די שוואַכע שאָף, אָהן קראַפט, אָהן מוטה,
מען האָט זיי דאָרט צוריסען,
זאַט אָנגעטרונקען זיך אין בלוט
און מיט דעם פלייש פערביסען.
צופרידען זיינען זיי אַוועק,
בעגייסטערט פון קאָנווענשאָן,
מיט פפליכט צום אידעאַלען צוועק :
צו אויסמענשלען די מענשען . . .

פרוי און מוטער

(דער קאמפף צווישען ליידענשאפט און צערטליכקייט).

די מאמע א'ן אלמנה איז,
צעהלט יאהרען פינף און דרייסיג,
נאך פריש און שעהן, פול לעבענס לוסט,
איז ארבייטזאם און פלייסיג.

די טאכטער איהרע פופצעהן יאהר,
איז אויפגעבליהט ווי צוואנציג,
און דא פאנגט זיך די דראמא אן:
קומט נאר א יונגערמאנטשיק

צו זיי אין הויז מיט א וויזיט,
מיינט אנפאנגס די אלמנה,
נאר גיט א שטראהל די העלע זונן,
ווערט טונקעל די לבנה . . .

די טאכטער האט מאגנעטען קראפט,
ווערסט גלייך א'ן אבגעקאכטער,
דו ווארטסט ניט לאנג, פערלאנגסט די האנד,
פערשטעהט זיך, פון דער טאכטער.

דער מאמעס טענה, אבער, איז:
זי איז נאך ניט פוליעהריג,
זי האט נאך צייט . . . און דא מאכט זי
א חנ'דעל ווי געהעריג.

קאַקעטיש שמייכעלט זי, דאָס מיינט:
„אָט איך בין דאָך צום האַבען,
און קוקט מיך אָן, איך בין אַ פרוי,
געבענשט מיט גאָטעס גאַבען.

אַ ביסעל געלד, אַ'ן אייגען הויז,
אַ היים אַ צוגעגרייטע".
און ווי דער בחור דאָס דערהערט,
אַזוי מאַכט ער אַ פליטה.

דאָ גנב'עט זיך אין האַרץ אַריין,
אין מאַמעס האַרץ אַ שנאה,
מיין אייגען קינד, מיין פלייש און בלוט,
וואַרפט מיך אַראָפּ פון ביהנע.

מיין אייגען קינד שטעהט מיר אין וועג,
היינט געה און האָב אַ טענה,
אַזוי פיעל טעג, אַזוי פיעל נעכט!
אָה! האָפענונגען מיינע!

ס'איז שוידערליך, עס כאַפּט אַ שרעק!
פיעל גליק האָב איך פערשטויסען,
מיין קינד צו שטעלען אויף די פיס
געוועז בין איך נאַר אויסען.

כ'האָב ניט געוואָלט אַ פיצעל קינד
אַ פרעמדען אנפערטרויען,
געטרוימט האָב איך צו זעהן זי גרויס,
און דאַן מיין וועלט'ל בויען.

און יעצט ווען זי איז אויפגעבליהט,
פערוועלק איך ווי אַ דאָרן,
ווי נאַריש בין איך דאָס געווען;
אַזוי פיעל צייט פערלאָרען.

און יעצט, ווארום אַן אָפּפער זיין?
איז דען ניט אַזוי וויכטיג,
מיין לעבען מיר, ווי איהר'ס ביי איהר?
זאָגט מענשען, אויב ס'איז ריכטיג?

וואָרום האָב איך אין גאַנצען גאָר
געדאַרפט אַזוי סטראַדאַיען?
איז דאָס כדאי?" נאָר אָט זי הערט
איהר טאָכטער קרעכצען, שרייען.

און האַסטיג גיט זי זיך אַ יאָג,
אַזוי ווי אין אַ שרפה:
„מיין קינד! וואָס איז דיר? וואָס? דער קאָפּ!
אוי וועה! אויף גיך דעם רופא!

מיין טעכטער'ל! אוי! מיר פאַר דיר,
דיין גאַנצער קערפער שוידערט,
אוי, גאָטעניו! פערצייהע מיר,
וואָס האָב איך היינט געפּלוידערט?

אַך, נאַרישע געדאַנקען גאָר
אין קאָפּ ביי מיר זיך טרייבען
איך וויל קיין זאַך, איך דאַרף קיין זאַך!
אַ מאַמע וויל איך בלייבען"! . . .

א פערלאנג

„וואו קריג איך אַ דופטיגע בלום ?
אַ שעהנהייט, מיט אַלע קאָלירען,
וואָס האָט נאָך דעם גאַנצען פּאַרפיום,
מיט איהר וואָלט איך וועלען זיך ציערען.

וואו קריג איך אַ בלום, וואָס געשיקט
האָט קיינער קיין גיפטיגע בליקען ?
קיין בלעטעלע ניט אָפּגעפּליקט,
מיט איהר וואָלט איך וועלען זיך קוויקען . . .

וואו קריג איך אַ בלום וואָס געציערט
האָט קיינעם נאָך פון מענשען־קינדער ?
וואָס קיין האַנד נאָך האָט זי בעריהרט,
נאָר איך זאָל זיין זעלבסט איהר ערגרינדער".

נאָר באַלד האָט אַ קול זיך דערהערט :
אָה ! זינדיגער מענש ! זאָלסט פערשטומען !
דו ביסט דאָך קיין דאָרן ניט ווערטה,
ווי וואַגסטו צו זוכען גאָר בלומען ? . . .

דער שווערד און דער אקער

(אַ פאַבעל).

אַ'ן אַקער, גראַבענדיג די ערד,
אום פרוכטבאַרקייט זאָל טראָגען,
האָט צופעליג זיך אָן אַ שווערד,
מיט אימפעט אָנגעשלאָגען.

דאָ האָט דער שווערד געמאַכט אַ גוואַלד,
גענומען זידלען, שרייען,
האָט איהם דער אַקער־אייזען באַלד,
געבעטען צו פערצייהען.

מיט ווירדע האָט דער שווערד געשטראַהלט,
און מיט אַ שטאָלצען שמייכעל
האָט ער געענטפערט האַרט און קאַלט:
„נון, וויים אַז דיר איז מוחל —

דער שווערד פון גרויסען אָפיציר,
„וואָס איז אין שלאַכט געפאַלען,
„אויף דיזען פעלד, אַט נעבען מיר,
„זיין אַנדענקען זאָל שטראַהלען".

דער אַקער האָט נאָך דיעזע רייד,
זיך עפּעס ווי פערלאָרען,
נאָר באַלד האָט ער געזאָגט מיט פרייד:
„איך בין יעצט ניי געבאָרען.

„דאָס ביסטו דו ? דער שווערד, אָה ! וואַרט,
„פערצייהע נאָר אַ רגע,
„איך בין דער אַקער, כ'האָב געגאַרט
„דיך לאַנג שוין זעהן, קאָליעגע !

„און פרעגען דיר פון דעם פּראָפעט
„ישעיה, וואָס וויל וויזען,
„אַז פון דעם שווערד אויך, ווערען וועט
„אַ פריעדליך אַקער־אייזען."

— „אה ! שוויג דו דום קאָפּ, גראָבער קנעכט !
„געהערט אַזאַ מין פּגע ?
„ווער האָט עס דיר געגעבען רעכט
„צו רופען מיך קאָלעגע ?

„ווער מאַכט אַ וועזען פון דיין ריהר ?
„דו ביסט ניט זיס, ניט ביטער,
„דאָך ווען מען נעהמט אין האַנד נאָר מיר,
„דאַן גיט די וועלט אַ ציטער . . .

„און ווען און וואו איך קום נאָר אָן,
„אויך צווישען האַלבע ווילדע,

„ברענג איך דאָרט ציוויליזאַציאָן,
„און מאַך זיי ווערען מילדע,

„גאָט'ס גלויביגע, ווי שעהן ! ווי פיין !
„נו, יעצט פערשטעהסטו, גולם
„אַז דו קענסט מיר קיין חבר זיין ?
„אָט זעהסטו, מיט'ן צלם,

„מיט איהם, יאָ, געה איך האַנד אין האַנד,
„אונז האַלט ניט אָפּ קיין סבה . . .
„און איבעראַל אין יעדע לאַנד,
„פערפלאַנצען מיר די ליעבע

„פון קריסטוס, און ווי איינס איז דריי,
„און נאָך פון וואַזשנע זאַכען,
„היינט פון דיין נביא'ס פלוידעריי
„איז טאַקי גאָר צום לאַכען.

„אַ'ן אַקער ווערען וועט פון שווערד,
„קיין מאָל וועט דאָס פּאַסירען !
„עס וועט פאַר יעדע שטיקעל ערד,
„מלחמה עקסעסטירען.

„און פונקט פאַרקעהרט ווי דיין בעגריף :
זאָל פון אַ שלאַכט זיך האַנדלען,
„וועט תיכף יעדע תבואה־שיף,
„אין קריעגס־פלאָט זיך פערוואַנדלען.

„אויך אין פאַבריק וואו דיך מען מאַכט,
„דאָרט וועט מען לאַנג ניט ברייען,
„ווען אויסברעכען זאָל נאָר אַ שלאַכט,
„ווערסטו אויך אַ כלי זיין . . .

„דאַן קומסטו ערשט צום רעכטען ציעל,
„ווערסט מעכטיג, קומסט צום שכל" — — —

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

דער אַקער האָט געענטפערט שטיל :
— „ווער, איך ? אה ! מוחל, מוחל ! . . ."

דער בלוט־שטורץ

(אַ בילד)

אין בעט ליעגט קראַנק אַ טאַטע,
פון קליינע קינדער ניין,
די קינדער שרייען עסען,
דער דאָקטאָר קומט אַריין.

און געהט גלייך צו צום חולה,
בעטראַכט איהם ערנסט, גוט,
ער זעהט דעם שליים פון קראַנקען,
איז אויסגעמישט מיט בלוט.

ער הערט, אין ברוסט, אין לונגען,
דער טוידט שוין דאָרט קוואַטירט . . .
און פרעגט : „זאָגט, וועלכער דאָקטאָר
האָט פריהער אייך קורירט ?"

„קיין איינציגער, הערר דאָקטאָר,
ווען קוק איך גאָר אויף זיך,
בעזאָרגען מיינע קינדער
ווער וועט ? אַז אויב ניט איך ?

און מאָרגען צו דער אַרבייט,
צו געהן בין איך געזונטה,
ווייל ערשטענס, איז יעצט ביזי,
און צווייטענס, פעהלט אויף ברויט.

איך קען מיין שטעל פערליערען,
איך מוז פון בעט אַראָפּ!"
דער דאָקטאָר וויל איהם טרייסטען,
און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

די פרוי געהט נאָך דעם דאָקטאָר,
פרעגט וואָס דער קראַנקער מאַכט,
„צו שפּעט", זאָגט שטיל דער דאָקטאָר,
„ער שטאַרבט נאָך דיעזע נאַכט".

זי לויפט מיט שרעק אין צימער,
פלאַצט אוים אין אַ געוויין,
ער זעהט און זאָגט: „גאָר וויינען?
דאָס דאַרפסטו ניט, אָ, ניין!

ערלויבט האָט מיר דער דאָקטאָר,
שוין מאָרגען געהן אין שאָפּ,
איז קרענקען־זיך, ניט נויטהיג
אפילו ניט אַ קאָפּ.

און שבת וועט זיין „פּיידיי",
וועל איך דיר קויפען שיך,

און העמדעלאַך די קינדער,
דו דאַרפסט ניט קלעמען זיך.

דאָס קען נאָר בלויז דיר שאַדען,
היט אָפּ כאָטש דיין געזונד,
דו ביסט דאָך אַזאַ שוואַכע,
און וויינען האָט קיין גרונד".

דאַ שרייט זי אוים: אָה! גוטער!
דיין גוטס מאַכט קאַלט מיין בלוט,
מיין שמערץ איז מיר נאָך גרעסער,
ווייל דו ביסט אַזוי גוט.

אוי, גאָטעניו, איך בעט דיר!
פּערניכטע דאָך מיין שרעק,
ניט נעהם אַ יונגען טאַטען!
ניט נעהם מיין טרייסט אַוועק!

„ניט וויין" זאָגט ער, און ס'ווערט גלייך
פון הוסט זיין פּנים רויט,
אַ בלוט־שטורץ איז געקומען,
און מיטגעבראַכט דעם טויט...

אין רעדאקציע

„פערלאַנגט איהר וואָס, ר' אידעל ?
קען איך פאַר אַייך וואָס טהאָן ?
האַ, וואָס ? איהר האָט אַ ליעדעל ?
מיר נעהמען דאָס ניט אָן.

איהר זאָגט : עס איז אַ גוטע,
אַ ריינע פּאָעזיע ?
איך גיב דערפאַר קיין פּרוטה,
אַ שאָד איז אַייער מיה.

איהר זאָגט : איך זאָל דאָס לעזען
בעפאָר איך קריטיקיר ?
אַ פלאַן, איך וואָלט געוועזען
משוגע פּונקט ווי איהר.

איהר רופט מיר אָן בעל העזה ?
איהר זייט אַ קריינק, ר' איד,
די וועלט פערלאַנגט יעצט פּראָזע,
און געהט מיט אַייער ליעד . . . ”

ים און מענש

דער ים־גאָט, נעפּטון, זאָגט מיט צאָרן
צו זיינע משחיתים : „בעטראַכט
ווי פרעך איז דער מענש'ל געוואָרען,
וואָס גלויבט אין זיין אייגענע מאַכט.“

זיין עהרפורכט, רעספּעקט און זיין ציטער
פאַר אונז איז אין גאַנצען אַוועק,
ער לאַכט אוים דעם שטורעם־געוויטהער,
דער ים איז פאַר איהם מעהר קיין שרעק.

ער בויט אויף איהם ריעזען־געביידען,
פּאַלאַצען מיט לוקסוס אַ וועלט,
און שיקט זיי די וועלען צו שניידען,
און שטאָלץ איז ער, זיעגרייך, אַ העלד !

ער טראַכט אוים מאָדערנע מאַשינען,
ערפינדונגען נייע, ער שאַפט !
און האָפט אויך, אַז באַלד וועט איהם דיענען,
די איבערנאַטירליכע קראַפט.

שיקט דראָטהלאָזע שטראַהלען־שטאַפעטען,
קריעגט אַנטוואָרט אויך באַלד שוואַרץ אויף וויים,

ער דרוקט אויפ׳ן ים שוין גאַזעטען,
און ווײס אַלע וועלטליכע נייעס.

און מיינט נאָך אַלץ ווייטער צו שטייגען,
אַזוי כאַפּט ער איבער די מאָס.
און איך מיין ס׳איז צייט איהם צו צייגען
אַז ער איז דאָ ניט בעל הבית . . .

ער דאַרף דאָ ניט שאַלטען און וואַלטען,
און קריגען זאָל ער אַ בעוויז,
אַ שלום עליכם אַ קאַלטען . . .
פון אונזערם אַ קליין ברעקעל אייז.

דאָס וועט איהם מיט שנעלקייט דערמאָנען,
אַז ער קען נאָך צו ווייט ניט געהן,
מעג חכמ׳ען זיך, וואַרפען מיליאָנען,
ביי אונז איז ער אהנמעכטיג, קליין" . . .

דער סקוהל־באָי

(אַ בילד פון דער איסט סייד)

מיט צרות האָט בעני,
געקראָגען אַ פעני,
געמאַטערט דער אָרימער מאַמען.
זי האָט עס אַנטליהען,
און ביטער געשריען,
לויף שנעל, ווערסט די סקוהל־צייט פערזאַמען.

און ער איז געלאָפען,
ביז ער האָט געטראָפען
אַ בילד וואָס מאַכט שווידערען פיעלע :
אין גאַס גאָר אין מיטען,
פון איסט סיידער סטריטען,
געלעגען איז דאָרט אַ פאַמיליע.

פערשעהמט און פערשטויסען,
די אָרימקייט דרויסען,
די הערצער, די מעבעל צובראָכען,
פערלאָרען איז אַלעס,
פעראורטיילט פון דלות,
קיין אויסוועג, קיין ברעקעל בטחון.

אין זייט איז געשטאַנען,
מען ווייס ניט פון וואַנען,
אַ טעלער מיט עטליכע פּענעס.
דער סקוהל־באַי האָט ביטער,
געגעבען אַ ציטער,
אַ שוידער! ווען ער האָט דערזעהן עס.

מיט טרעהרען האָט בעני,
זיין איינציגע פּעני
אַוועקגעלעגט, זעהן זאָל ניט קיינער
און טראַכט: מיט די סענטען?
צו וועט ווער פערדיענטען
אַ היים פאַר די גאַסען בעוויינער...

גלייכהייט

ווי קליין בין איך אויף דיזער וועלט,
ווען איך נעהם זיך פערגלייכען,
צו יענעם, וועלכער האָט די געלד,
צום גליקליכען, צום רייכען.
אויף יענער וועלט איז גאַנץ פערקעהרט,
מען קוקט ניט אויף קיין ציפער,
מען לעגט אונזביידען טיעף אין דר'ערד,
און איהם, מיר דוכט, נאָך טיעפער...

די קינדער

די טהיר און די פענסטער פערשלאָסען,
אין שטוב אזש דער אָטהעם פערפרעסט,
די קינדערלאך קוקען פערדראָסען,
אַרום זייער דומפיגען נעסט :

„אָה ! מוטער, אין גאַס איז דאָך לופטיג,
מיר וועלען זיך שפּיעלען דאָרט שעהן,
אין פּאַרק איז יעצט פרעהליך און דופטיג —
אָה ! מוטער׳ל, לאָז אונז דאָך געהן״.

„ניין, ניין, נאָר אין שטוב זאָלט איהר זיצען !
די גאַס איז פיר אייך אַ געפאַהר ;
איך קען אייך ניט היטען, ניט שיטצען
פון אונגליק וואָס טרעפט דורך די קאַר.

איך מוז אייער פאָטער דעם קראַנקען,
דעם ברויטגעבער, אויפּפּאַסען, זעהט !
אייך שפּיעלען זיך ליעגט אין געדאַנקען,
דער טאַטע ליעגט קראַנק אויפ׳ן בעט״.

די קינדער פערשטעהען דאָס גאָר ניט,
עס פעהלט זיי דער מאַמעס בעגריעף,
פון אַלץ וואָס מען מעג און מען טאָר ניט ;
די יונגע בלוט וויל טהאָן אַ שטיף.

און האָבען צוטאַנצט זיך, צוזונגען,
און האַלטען דאָס ניט פאַר קיין חטא,
די עלטערן ווערען צושפּרונגען,
דעם טאַטען — איהם הויבט אַזש פון בעט.

ער וואָלט זיי די הויט אָפּגעשונדען,
ער האָט שוין אַזאַ מין געוועהר,
אַ רימען וואָס מאַכט גאַנצע וואונדען,
נאָר ריהרען זיך איז איהם צו שווער.

די מוטער שפּאָרט צייט אָפּ אַ ווײַלע,
פון צרות דער צאָרן איז גרויס,
זי שלאָגט און זי קלאַפּט, נאָר פון אײַלע
קומט קיין מאָל קיין גוטס ניט אַרויס.

עס איז שוין ניטאָ יענער ליאַרעם,
ווי שעפּעלאַך שטיל זיינען זיי,
נאָר שפּעטער, אַהאַ! ס'זיינען וואַרעם
די קינדערשע קעפּעלאַך צוויי . . .

אַ וועהטאָג דער מאַמען, אַט לויפט זי,
שוין האָט זי דעם דאָקטאָר בעשטעלט,
לויפט ווייטער, רפואות אַט קויפט זי,
און זעהט ניט די ליכטיגע וועלט.

דער פינסטערער שיקזאַל, דאָרט האָט ער
דעם ראָד האַסטיג איבערגעדרעהט,
געזונד איז געוואָרען דער פאָטער;
נאָר ליידער — צוויי קינדערלאַך טויט!

די דאגה און די מוזע

אײנגעקאָרטשעט, אײנגעבױגען,
אױפ׳ן קאַרק אַ זאַק,
שלעפּט זיך קױם אַ פרױ אַ׳ן אַלטע,
מיט׳ן שװערען פּאַק.

פון צוקנײטשטען פאַרמעט פּנים,
געלבליכען קאָליר,
קוקען מאַטע, טױטע אױגען,
בעז אַרױס פון איהר.

פון דעם לאַסט, איהר שװערע משא,
קױם די פיס זי ריהרט,
און זי שלעפּט זיך צו דעם קװאַרטאַל,
װאו די נױטה רעגיערט.

דאָרט בעגעגענט איהר אַ צװײטע,
שעהן װאָס שעהן זײן קען:
הױך און שלאַנק, אַ פערגעניעגען
איז איהר אָנצוזעהן.

אױך אַ זאַק אַ פול געפּיהלטען,
טראָגט זי אױף איהר קאַרק,

נאָר איהר לאַסט, דאָס קען מען מערקען,
לעסטיגט איהר ניט שטאַרק.

„אַ גוט מאָרגען״ ! קלינגט די שטימע
פון דער שעהנער רויז.
אויך די אַלטע זאָגט גוט מאָרגען,
אָבער הארט און בעז.

פרעגט די יונגע איהר : „וואָס טראָגט איהר
אין דעם שווערען לאַסט״ ?
און די אַלטע ענטפערט : „צרות,
ווי פאַר ועמען פאַסט.

פעקלאַך צרות, איך צוטהייל דאָס,
אַלעם איך צושענק :
דעם קדחת, יענעם מכות,
דעם אַ׳ן אַנדער קרענק.

גיפט און ביטערקייט און טרעהרען,
קיין בערוהטע שעה,
לשון הרע און רכילות,
אַלעם האָב איך דאָ.

גראָהע האָר און טיעפע קנייטשען,
אַלטקייט פאַר דער צייט,
האַס, פעראַכטונג און פערניכטונג,
טהייל איך ברייט און ווייט.

איך ווער בין ? איך בין די דאגה,
זאָג זשע, טאָכטער מיין,
טראָגסט אַ פּעקעל אויך אַ שווערען ?
מעגליך אויך פול פּיין ?"

* * *

„מיין זאַק איז מיר ניט שווער,
ער קען מיך מיעד ניט מאַכען,
און אָנגעפּיהלט איז ער,
מיט זעהר גוטע זאַכען.

צום ביישפּיעל : בלומען דופט,
די טהוי פון מאָרגען־הימעל,
די פרישע אַלפּען־לופט,
די אונשולד אין איהר דרימעל.

די שטילקייט פון דער נאַכט,
פון ווינד די בלעטער־קלאַנגען,
דעם מאָרגענשטערען'ס פּראַכט,
דעם נאַכטיגאַל'ס געזאַנגען.

די שטריכען פון דעם בליץ,
די פאַרב פון רעגענבויגען,
דעם שאַרפען, קורצען וויץ,
דעם קוק פון קלוגע אויגען.

דעם רויש פון וואסער־פאַל,
פון וועלט־סיסטעם דעם שכל,

דעם וואונק פון זונענשטראַהל,
דעם ערשטען קינדער־שמייכעל.

און אַלעס וואָס איז פיין,
וואָס הימליש איז, ערהאַבען,
נאָר צום ערוועהלטען מיין,
ברענג איך דאָס דיעזע גאַבען.

ער ווערט ווי ניי בעלעבט,
בעגייסטערט מיט אַ'ן אמת,
מיט פרייד־געזנוס ער שעפּט
פון דאַנען זיינע טהעמעס.

איך בין די מוזע, ווייסט!
און האָב קיין אַנדער שטרעבען,
ווי זיין דעם דיכטער'ס טרייסט,
זיין אידעאַל אין לעבען.

זומער-ליעדער

דער זיסער פריהלינג איז פערביי,
אונ וואו האָט מיך מיין נויטה געטריעבען?
מען האָט צוכאַפּט, צופליקט די מאַי,
פאַר מיר קיין פּיצעל איז געבליבען.

דער פלעכט אַ קראַנץ, דער טראָגט אַ בלום,
דער איז ערפרישט, און דער געזעטיגט.
אַט ווי איך אייל זיך, ווי איך קום,
האָב איך מיין פריהלינג דאָך פערשפּעטיגט...

* * *

עס איז זומער,
גרויסע היטצען,
אויב אין צימער
בלייבסטו זיטצען,
ווייכסט פון פעלד, פון וואַלד?
וויים איך — דו ביסט אַלט...
האָסט פאַרלאָרען,
מוטה צום שטיפען,
לוסט צום פאָהרען,
זיך צו שיפען,
ביסט צו אַלעם קאַלט?
וויים איך — דו ביסט אַלט...

די נאכטוואנדלערין

ווען די לבנה, נאַכט־פּרינצעסין,
האָט פערציערט דעם רבינס גאָרטען,
זיינען צוויי פערליעבטע דאָרטען,
לאַנג און שטיל, און ליעב געזעסען.

און זיי האָבען זיך פערלאָרען . . .
און געקוקט האָט די לבנה
אויף דער אונשולד, גאָט'ס מתנה,
וואָס פון איהר איז דאָ געוואָרען . . .

און אוים קרענקונג, שמערץ און באַנגען,
וואָס די מענשען זיך ערלויבען,
און זי דאַרף עס זעהן פון אויבען,
איז זי ליעבערסט גאָר פערגאַנגען.

מיט אַ וואָלקען־רויך, אַ שוואַרצען,
האָט דער הימעל זיך פערצויגען:
און די מיידעל איז געפלויגען,
מיט אַ קלאַפּונג אין איהר האַרצען.

האָט דעם פענסטער קוים געטראָפען,
וועלכען זי איז שטיל אַריבער,

אַנגעווײַנט זיך, און אין פיבער,
איז זי ענדליך אײַנגעשלאָפען.
* * *

איהר פאָטער דער פרומער,
שטעהט אויף פון זיין שלומער,
און זעצט זיך אַוועק פראַווען חצות.
מיט ביט'רע רעיונות,
אויף ציון'ס חורבונות,
און ס'גיסען זיך טרעהרען אָהן מאָס.

דער אַלטער מקונן,
ער האַלט אין איין וויינען,
אויף גלות השכינה, אָהן צאָהל ;
און הערט ניט אויף בעטען,
אַז גאָט זאָל שוין רעטען,
דעם אידען פון גלות, אַמאָל.

דאַן הויבט עס אָן טאָגען,
ער הערט אויף צו זאָגען,
עס ווערט אויפ'ן האַרצען איהם פריי
ער נעהמט זיך אין שטילען,
זיין טלית און תפילין,
און געהט פאַר זיין טאָכטער פערביי.

פערגינט ניט די בליקען,
זיי זאָלען זיך קוויקען,
צו פיעל מיט איהר שעהנער געשטאַלט.
נאָר עטוואָס ווי צוואַנגען,

איהם האַלטען געפאַנגען,
ביז ער רייסט זיך אויס מיט גוואַלד.

זיין האַרץ ווערט צוגאָסען,
פאַר פרייד גאַר אָהן מאָס'ען,
און טראַכט ביי זיך, געהענדיג אין שוהל :
„אָך ! גאָט, הימעל'ס וועכטער,
אַ זאָלכענע טעכטער,
בעציערען דיין הימלישען שטול.

* * *

אַ צווייטע נאַכט, אַ מיטען נאַכט,
אַ דריי חדשים שפעטער.
די לבנה שיינט מיט גלאַנץ און פראַכט,
אין דונקעל־בלויען עטהער,

פון לבנה'ס שיין, דעם רב'ס געזיכט,
אין שלאָף זעהט אויס נאָך בלאַסער,
שטעהט אויף צו טהאָן פאַר גאָט זיין פפליכט,
ער גיסט אָפּ נעגעל־וואַסער.

געהט שטיל פאַרביי זיין טאָכטער'ס בעט,
ניט שטערען איהר אין שלאָפען.
וויל ווייטער געהן, דאָך, גאָט ! ער זעהט,
דער פענסטער איז גאַר אָפען.

די בעט איז לעהר, זי איז ניטאָ.
ער זוכט אין צווייטען חדר,

וואָס קען דאָס זיין ? וואָס טהוט זיך דאָ ?
אָט זיינען איהרע קליידער.

איז זי אַ נאַקעטע אַוועק ?
עס הויבט איהם אויף דער מח,
עס טרייסלען איהם די פיס פאַר שרעק,
אָט געהט איהם אויס זיין כח.

עס גיט אַ יאָג, אַ טראָג איהם ווילד,
צום פענסטער שטאַרק ערביטערט,
און ער דערזעהט פיר זיך אַ בילד,
ערשטוינט, זיין קערפער ציטערט.

דאָרט אויף אַ בוים, דערזעהט ער באַלד,
זיין טאָכטער. אָט, זי קלעטערט,
עס שרעקט זיין הארץ. אָט, אָט, זי פאַלט,
און אָט, ווערט זי צושמעטערט.

און ווי ער שטעהט פערטיעפט, פערטראַכט,
דערווייל געהט זי אַרונטער,
די אויגען האַלט זי צוגעמאַכט,
און געהט צום פענסטער אונטער.

אַ שפּרונג אין הויז, גאָר גלייך זי שוועבט,
דעם אַלטען ווערט דאָ גרינגער ;
אַבי זי איז דאָ, אַבי זי לעבט,
ער נעהמט איהר קליינעם פינגער :

און זאָגט איהר: „איך בעשוועֿר דיר, קינד,
דו זאָלסט מיר אַלץ דערצעהלען,
אויך זאָג דעם מיטעל מיר געשווינד,
מיט וואָס מען קען דיך היילען”.

* * *

געענטפערט האָט זי אַלץ אין שלאָף:
„עס איז אַ שטראָף, אַ גאָטעס שטראָף,
פאַר מיר קיין מיטעל איז ניטאָ,
עס איז געוועון אַ בעזע שעה:

פון ליעבע רייד, פון זיסע רייד,
און יעצט אין מיינע אַלע לייד,
איז ער פערשוואונדען ווייט אַוועק,
און איך, איך טראָג אַ שאַנד, אַ פלעק.

אַ שאַנד פיר אַלע מיינע פריינד,
איך וואַנדעל ווען די לבנה שיינט.
איך קוק אויף איהר, זי קוקט אויף מיר,
און רייד זיך אוים מיין האַרץ פאַר איהר — —

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

ווען זי, די טאָכטער האָט ערוואַכט,
האָט ער די אויגען צוגעמאַכט . . .

די מלחמה

אַ פערוויסטונג: רויך און פייער,
די מלחמה קאָסט אונז טהייער.

עס צערשטערען די קאַנאָנען,
מענשען לעבענס אין מיליאָנען.

יעדער איינער ווערט אַ רשע.
אין דעם ים טיעף, אויף יבשה,

זינקען, פאַלען, מענשען פיעלע:
ווינדען טראָגען קרעכצען שטילע:..

אויף די פעלדער הויך און נידער,
ליעגען טויטע מענשען-גליעדער.

פויגלען האָבען דאָ אַ זול-צייט,
מאַכען פון דעם מענש אַ מאָהלצייט.

אויך אין ים פאַר פיש אַ שפּייזע,
ווערט דער העלד, דער מענש, דער ווייזע.

פאַר די ערד — אַ טרונק אַ זאַפטער,
פליגען, ווערים, שפּייזע שאַפט ער.

און זיי עסען אָהן אַ ברכה,
און עס מעהרט זיך די משפחה.

בויען, מאַכען גרויסע נעסטען,
אום די לופט נאָר צו פערפעסטען.

ווען די שלאַכט איז שוין פערגאַנגען,
נעהמט דער טויט קרבנות פאַנגען.

ס'ווערט די לופט מיט גיפט־מאַטעריע,
וואָס פעראורזאַכט אַ כאָלעריע.

און עס הערט זיך קלאָגען ווידער,
איז ניט גלייכער, מענשען־ברידער,

געטצענדינער, קריסטען, אידען,
אַז עס זאָל שוין הערשען פריעדען?

און די שווערדען, ביקסען, שפּיזען,
די קאַנאָנען, שיפען־ריזען,

זאָלען דאָך צובראָכען ווערען,
זייער קראַך זאָל זיך ניט הערען.

און די הארטע שטאָל און אייזען,
זאָל קיין אַנדער גבורה ווייזען,

ווי צו אַקערען, גראָבען מינען,
און צו נוצליכע מאַשינען.

אום די אַרבייט מאַכען לינדער,
פאַר די אַלע מענשען־קינדער.

די ליעבע

בעזינגען די וועלטען, די שטערען,
די הערליכע ווערק צו פערשטעהן,
וואָס פיין איז, וואָס עדעל צו עהרען,
דאָס קען נאָר די ליעבע אליין.

די שעהנהייט פון אלערליי בלומען,
די שפּראַכע פון יעטווידער קווייט,
די סודות וואָס ברענגען פּאַרפיומען,
די ליעבע, נאָר זי עס פערשטעהט.

דעם פויגעל'ס גוט מאָרגען און טרעלען,
דעם נגון אין ווינד, ווען ער פייפט,
די שעהנע ערהאבענע זעעלען,
די ליעבע, נאָר זי עס בעגרייפט.

דאָס גוטע אין גרויזאַמען לעבען,
דעם שמייכעל פון ברויזענדען מעער,
די ליעבע, נור זי קען עס געבען :
אָהן ליעבע, איז פּוסט אלץ און לעהר.

אויפגאנג און אונטערגאנג

מי יחיה ומי ימות.

שטיל איז געוואָרען דער שטורמישער ווינד,
אויפגעהערט האָט אויך דער רעגען,
שטיקערווייז וואָלקענס אַנטלויפען געשווינד,
ווייט אין פערשיעדענע וועגען.

גלייך האָט געצייגט זיך אין הימלישען צעלט,
די זיבען פערשיעדענע פאַרבען.
דאָס איז דער צייכען אַז גאָט זאָל די וועלט
היטען און קיין מאָל פערדאַרבען . . .

באַלד איז געקומען די זונן מיט איהר פּראַכט,
שמייכלענדיג און מיט אַ לייכטקייט,
האָט זי מיליאָנענדע שטראַהלען געבראַכט,
גלייך אויסגעטריקענט די פייכטקייט.

און האָט גערופען צו אַלעם וואָס לעבט,
ווער ס'איז צום לעבען אַ בעלן:
„קומט צו מיר נעהענטער, חיות, קומט שעפּט,
פון די ערקוויקענדע שטראַהלען".

רייכע לייט, גליקליכע, די קומען צו,
נאַשען פון לעבען און שפּאַסען,
וואו אָבער זיינען די אָרימע, וואו ?
קריינקען אין קעלער אין נאַסען.

ווייסען קיין זאָנענשיין, האָבען קיין ליכט,
האָבען פערשקלאַפט זיך, פערדונגען,
געלזוכט און טויטקייט אויף זייער געזיכט,
שפּייען גיך אויס זייער לונגען.

אָט ווערט די זונן, דוכט זיך, צאָרענדיג רויט,
אָט איז זי אונטערגעגאַנגען. — — — —

— — — — — — — — — — —

אין שוואַרצע שאָטענס געהילט קומט דער טויט,
שלעפּט די קרבנות געפאַנגען . . .

איך וויל

עס קומט אַ צייט: איך ליעב און וויל
דאַן ליעבען אַלע ראַסען.
עס קומט אַמאָל אויך דער געפיהל,
זיי ווייכען און פערהאַסען.

עס קומט אַ צייט: מיין זעעלע האָפט,
מוזיק, געזאַנג צו הערען.
עס קומט אַ צייט ביי מיר אויך. אָפט,
איך וויל נאָר גיסען טרעהרען.

מיין ווילען, אַך! איז גרויס און ווייט,
איך וויל די וועלט געפעהלען!
איך וויל . . . דערוויילע לויפט די צייט,
באַלד הער איך אויף צו וועלען . . .

די פארטגעשריטענע

איך געה אין קאמפף, איך געה !
דאך שקלאפין בלייב איך נאך.
איך וויים שוין, איך פערשטעה,
מעהר פיהל איך, מעהר טהוט וועה,
און בין א שפיעלצייג דאך.

א שפיעלצייג, ווייל איך פאל
א קרבן סאי ווי סאי ;
ווי וועניג איז דער וואהל,
עס קומט אלץ צו מעהר גאל,
און באלד איז אלץ פערביי . . .

געלערענט האב איך פיעל,
אום זעלבסטשטענדיג צו זיין.
איך וויים שוין וואס איך וויל,
נאר וויים בין איך פון ציעל :
וואו ביסטו חבר מיין ?

צו קען איך ווארטען דען ?
און וויפיעל איז דער שיעור ?
וועסטו גאר קומען וועו ?
וועסטו דעם מענש דערזעהן ?
אין מיר, ווי איך אין דיר ? . .

און דאָ מיין מוטער שרייט :
איך בין אַ גאָטעס שטראָף,
דורך מיר מיין שוועסטער ליידט.
אויך זי וועלקט פאַר דער צייט.
און וואָס וועט זיין מיין סוף ?

מיין סוף ? ניין, לאָזט צורוה !
אָה ! מעהר פון דעם ניט רעדט.
וואו איז מיין אָנפאַנג, וואו ?
יא, מאַמע, רעכט האָסטו.
איך פאָלג, אויב ס'איז ניט שפעט . . .

אין טרוים און וואַכענד

איך זעה אין טרוים אַ טעפעל שמאַלץ,
און שמאַנט אַ פולען שעפעל,
איך זעה דאָרט האָניג, ד'זעה דאָרט אַלץ,
נאָר ליידער ניט קיין לעפעל.
גאַנץ אַנדערש איז ווען איך בין וואַך,
פיעל ערגער ווי אין חלום :
איך האָב שוין לעפעל גאָר אַ סך,
נאָר פעלען די מאכלים . . .

אָה! גיט מיר

אה ! גיט מיר, איך בעט אַייך, אַ שטיקעלע פלאַץ,
איך מיין ניט אַ פלאַץ פאַר אַ מויער,
אַ פלאַץ צו בעהאַלטען אַ טהייערען שאַץ,
מיין שוועסטער, נאָך וועלכע איך טרויער.

אה ! גיט מיר, איך בעט אַייך, זעהט גיט מיר אַ שטיין,
איך מיין קיין בריליאַנט, קיין קאַרעלען,
אַ שטיין פאַר מיין שוועסטער, נאָך וועלכע איך וויין ;
אַ שטיין, אַ מצבה צו שטעלען.

אה ! גיט אַ פאָאַר לייִדיגע צייִלען פאַר מיר,
איך מיין היינט קיין וויטצען צו שרייבען,
מיין האַרץ אויסצורייִדען אויף דיזען פאַפיער,
און דאָס זאָל צום אַנדענקונג בלייבען.

*   *   *

אַ יונגינקע בוימעלע, קיין דרייסיג יאָהר,
געכאַפט האָט דער טויט פאַר אַ קרבן,
עס זיינען געבליבען יתומים אַ פּאָאַר,
און מיר איז מיין שוועסטער געשטאָרבען.

דער צויבער־האָרן

(לעגענדע)

„אָה, קאַליף, דו הייליגער פון אַלע גלויביגע !
זיי אויך אין דעם צאָהל פון די נביאים די אייביגע,
און זאָל זעהן דיין אויג פון דיין קנעכט זיין ערפינדונג :
אַ צויבער : אַ האָרן וואָס האָט אַ פערבינדונג
מיט סודות פון צעהנדליגע טויזענדע יאָהרען,
עס ווערט אָנגערופען : „דער שפּרעכענדער האָרן".
ווילסט הערען די שפּראַך פון דיין באַבען, דיין זיידען ?
דיין פאָטער'ס ? דיין מוטער'ס ? וואָס זיי פלעגען ריידען?
לייג צו אָט דעם האָרן צו זייערע טהראָנען,
צו זייערע בעטען, און דו וועסט דערקאָנען
די שטימע פון יעדען אַזוי דייטליך, גרינדליך,
קיין אונטערשייד גאָר, ווי געהערט וואָלסט עס מינדליך.
ערלויב מיר דאָס דייטליכער דיר צו ערקלעהרען,
דעם שכל דערפון, מעגסטו, קאַליף, יא הערען.
אַ וואָרט פון אַ מויל ווערט קיין מאָל ניט פערלאָרען,
דאָס בלייבט אין די ווענד, אין די מעבעל אויף יאָהרען,
איך האָב לאַנג געקלעהרט, פיעלע נעכט ניט געשלאָפען,
דעם האָרן געגאָסען פון זעלטזאַמע שטאָפען,
און ער ציהט אַרויס פון פערשיעדענע ערטער
גאַנץ אַלטע געשיכטעס, געשפּרעכען און ווערטער.

* * *

מיט שרעק האָט דער קאַליף דעם האָרן גענומען
און איז אין דעם צימער זיין מוטער׳ס געקומען.
פון גינגאָלד איהר בעט, לעהר געשטאַנען איז דאָרטען:
זי איז דאָרט געשטאָרבען — נון וויל ער די וואָרטען
פון איהר, איהרע לעצטע, כאָטש איין מאָל דערהערען,
געוואָרען פול זיינען די אויגען מיט טרעהרען;
אָט רעדט שוין דער האָרן! נאָר האַלט! האַ? וואָס הער איך!
איך פאַל גלייך אין אונמאַכט, משוגע אָט ווער איך!
מיין מוטער איז מודה . . . כ׳פערליער מיין זכרון!!
האַ? איך בין ניט כשר? ניט עהרליך געבאָרען!
אה!! מוטער, ווי גיפטיג, ווי שארף איז דיין וואפע.
איך בין... איך געהער, ווי? צו דיין ווייסען שקלאַפע?
מיין פאָטער בעטראָגען! אה! שרעקליך! אה, שענדליך!
ער כאַפט זיך צום דעגען און לויפט אַרויס ענדליך,
לויפט צו צום ערפינדער, און האָט איהם דערשטאָכען!
דעם האָרן האָט ער אויך אויף ברעקלאַך צובראָכען.
„מען דאַרף קיין ערפינדונג, וואָס מאַכט צופיעל וויסען
דאָס טהייערסטע האָט עס פון מיר אויסגעריסען!
מען דאַרף ביי די טויטע קיין סודות ניט פרעגען” . .
און האָט דורכגעשטאָכען זיין ברוסט מיט דעם דעגן.

* * *

דערפאַר נאָך ביז היינט זיינען ביי די דעספאָטען —
די קונסט אונטערדריקט און דאָס וויסען פערבאָטען.

די היים

חלום חלמתי

די לופט איז פייכט, אַ מורא !
עס פרעסט דער אָטהעם צו.
עס פאַלט אַ מרה שחורה,
אַ ביינקעניש נאָך רוה.

די מיעדע שוואַכע גליעדער,
זיי זוכען זייער פריינד
דעם שלאָף. איך פאַל אַנידער,
איך דרעמעל און מיר שיינט :

איך פליה ווי פייל פון בויגען,
עס וואונדערט מיך ווי גיך,
איך הויב אויף מיינע אויגען,
און איך דערזעה פיר זיך :

אַ פעלד פון פלאַקס און פראָסע,
בעוואַקסען ברייט און ווייט.
אַ'ן אַלטער מיט אַ קאָסע,
שניידט האָסטיג, שניידט און שניידט.

איך זאָג: „גוט מאָרגען, אַלטער,
גאָט העלף דיין אַרבייט דיר״!
און ער, ער שטעהט אַ קאַלטער,
קיין אַנטוואָרט גיט ער מיר.

שרעקט זייער מיר זיין שווייגען,
איך מוטהיג זיך און פרעג:
פיליכט קען ער מיר צייגען
די היים... דעם גראַדען וועג...

קיין וואָרט, קיין ענטפער גיט ער,
די פלאַקס נעהמט ער זיך מיט,
גיט מיר אַ וואונק, איך ציטער,
דאָך פאָלג איך נאָך זיין טריט.

מיר געהען שטיל, מיר שווייגען,
און אַלעם וואָס איך מיין:
ער וועט געווים מיר צייגען
דעם וועג אַהיים צו געהן.

איך הויב אויף מיינע בליקען,
צו זעהן וואוהין איך געה,
און זעה ווי מיידלאַך שטריקען,
אַ זאַך ווי ווייסער שנעע.

נאָר איידער איך נעהם פרעגען,
פערשווינדען זיי, ווי רויך,

און באַלד קומט מיר אַנטקעגען,
א באַרג. אך ! ! שרעקליך הויך.

א מאַן זיצט ווי א רייטער
און האַקט אין שטיין געשווינד,
דער אַלטער ווינקט מיר ווייטער,
איך פאַלג איהם ווי א קינד.

מיר ציטערט יעדער אבר,
עס שפּרינגט מיין הארץ פון אָרט,
באַלד זעה איך טיעף א קבר,
מיט מענשען־ביינער דאָרט.

„אה ! קומט, איך פאַל א טויטער !
קומט, אַלטער, קומט אַוועק !"
עס שמייכעלט מיין בעגלייטער,
„ס'איז נאַרישקייט דיין שרעק.

קענסטו געדולדיג הערען,
און זיין ניט אויפגערעגט ?
וועל איך דיר אַלץ ערקלעהרען :
דיין הוים, האָסטו געפרעגט ?

נון, געהען מיר כסדר,
די ווייסע זאַך, פערשטעהט,
דאָס וועבט מען דיינע קליידער,
תכריכים הייסען זיי . . .

דער שטיין איז אַ מצבה,
פאַר דיר בעשטעלט, מיר שיינט ;
די לעצטע, גרעסטע טובה,
פון דיינע בעסטע פריינד . . .

אין גרוב דער הויפען ביינער,
אַט דאָס ביסטו געווען,
און איך, ווער בין פאַר איינער ?
דער טויט . . . צום ווידערזעהן . . . "

דער שמייכלער

דו האָסט פיעל געלויבט
מיין טאַלאַנט,
איך האָב דיר געגלויבט,
און דיין האַנד
געדריקט, און אַלס פריינד
דיך בעטראַכט ;
האָסט שפּעטער, מיר שיינט :
גאַר געלאַכט . . .
נון, קיינער, נאָר דו
ליידסט דערביי.
אַ ליגנער ביסטו,
סיי ווי סיי . . .

אַ גראָהע האָר

עס פלעגען אָפט אין קאַמפף אַרוים
מיין יוגענד און די אַלטקייט.
די ערשטע האָט געקעמפפט מיט היץ
די צווייטע מיט אַ קאַלטקייט.

אַ צייט לאַנג וואַר דער פאַל ביי זיי,
זיי האָבען זיך געטראָפפען.
די יוגענד העלדיש האָט געזיעגט,
די אַלטקייט איז אַנטלאָפען.

די יוגענד האָט אַ לאַנגע צייט
דעם קאַמפף פאַר מיר געוואונען,
נאָר פלוצלונג האָב איך אויף מיין קאָפּ
אַ גרויע האָאר געפונען . . .

די יוגענד, אַלזאָ, האָט געהאַט
אַ גרויסע ניעדערלאַגע — — —
איז דאָס פיעלייכט דער לעצטער קאַמפף ? . . .
ווי שרעקליך איז די פראַגע.

די וואך פון שבעה

די בילדער פערהאַנגען, פערדעקט איז דער שפּיגעל,
אין בעט שלאָפט אַ מאַן, און אַ קינד ליגט אין וויגעל.

עס שמעלקט אַ קליין לעמפּעל, אַ פייער אַ בלאַסער,
און דאָרט אויפ'ן פענסטער אַ גלאָז שטעהט מיט וואַסער.

אין גלאָז קומט און טובל'ט זיך אָפּ אַ נשמה,
און ס'וואַקסט אויס אַ פרוי. דאָס איז זי מן הסתמא.

זי לויפט צו צום וויגעל און פאַנגט אָן צו וויגען,
און דעקט צו די פיסעלאַך, טרייבט אָפּ די פליגען,

דאָס קינד, מיט די ליפּעלאַך, מאַכט ווי ס'וואָלט זויגען,
דער פאָטער, ער עפענט אויף לאַנגזאַם די אויגען —

און „שמע ישראל" ! האָט ער שרעקליך געשריען,
ער האָט זעלבסט געזעהן איהר פון הויז אַרויס פליהען.

* * *

אום שרעק צו פערמיידען, זי זאָל מעהר ניט קומען,
האָט ער גלייך נאָך שבעה אַ צווייטע גענומען . . .

דעם נאכטיגאל׳ס זינגען

(סודות פון פארק).

1.

אויף איינעם פון די הויכע בוימער,
אין דעם גרויסען פּאַרק,
דער נאַכטיגאַל, דער זיסער טרוימער,
לאָזט זיך הערען שטאַרק.

ער זינגט געפּיהלפאַל, גיסט מיט טרעלען,
נוצט אוים גאָט׳ס געשאַנק;
דערביי אַ פּאָאַר פערליעבטע זעעלען
זיצען אויף אַ באנק.

אַרומגענומען ווי פער׳שיכור׳ט —
פון דעם ליעבעס־טראַנק.
און זיי הערען, זיס פערצוקערט
קלינגט זיי דער געזאַנג.

„דער נאַכטיגאַל, ווי הערליך זינגט ער"
— זאָגט ער זאַנפט צו איהר —
„מיט זיין געליעבטע אויך פערברייינגט ער
פרעהליך, פּונקט ווי מיר".

.2

ניט ווייט פון זיי דאָרט זיצט אַ קראַנקער,
ס'פּלאַגט איהם שטאַרק דער הוסט,
דער טויט האָט שוין געלאָזט זיין אַנקער
טיעף ביי איהם אין ברוסט . . .

און ער אויך הערט דעם זיסען זינגער,
עס צוגעהט זיין הערץ ;
„אה ! זינג דו פויגעל, זינג, ווייל גרינגער
דאַכט זיך, ווערט מיין שמערץ.

מיט תאוה איז דער מענש בעטרונקען,
טהיריש איז זיין פרייד,
זיין גייסט איז טיעף, גאַנץ טיעף געזונקען,
ווייס ניט יענעמס לייד.

נאָר דו, מיין זינגער, פיהלסט די ליידען,
טרויערסט טעג און נעכט —
דו ווילסט דיין האַרץ פאַר מיר אויסריידען,
דיר מוז אויך זיין שלעכט . . .״

.3

דערביי דאָרט זיצט אַ יונגע מיידעל,
ווי אַ בלומע פיין,
אין רעכטען בליהען, צאַרט און איידעל,
און זי הערט זיך איין.

זי הערט דעם פויגעל'ס זיסע קלאַנגען,
מורמעלט שטיל ביי זיך :

„איך וויים דיין ליעד און דיין פערלאַנגען,
וואַרטסט אַזוי ווי איך,

אויף דיין געליעבטען, ער פערשטעהט זיך
שוין אויף דיין סיגנאַל . . .
ער ענטפערט אָפּ. ער קומט און פרעהט זיך
מיט זיין נאַכטיגאַל.

און קוים פערפעהלט ער איין מאָל קומען,
ווערסטו גאַנץ בעטריעבט,
דיין ליעד, אָה ! האָב איך גוט פערנומען :
ביסט ווי איך, פערליעבט".

.4

אַ ביסעל ווייטער זיצט אַ צווייטער,
הונגעריג, פערשמאַכט,
ער אַטהעמט שווער, כמעט אַ טויטער —
און ער זיצט און טראַכט :

וואָס וועט דער סוף פון איהם דאָ ווערען,
פון זיין ווייב, זיין קינד ?
ניטאָ מיט וואָס זיי צו ערנעהרען,
כאָטש בעגעה אַ זינד.

דער נאַכטיגאַל, ער פאַנגט אָן ווידער,
נאָך זיין קורצע רוה,
„איך קען שוין, פויגעל, דיינע ליעדער,
הונגעריג ביסטו.

דו האָסט אין נעסט אויך קינדער קליינע,
זיינען זיי אין נויטה,
דו זינגסט אַ קלאַגע־ליעד אַ שעהנע,
פון דעם שטיקעל ברויט״.

.5

דאָרט געגענאיבער, אַ פערטראַכטער,
זיצט אַ מאַן ענטציקט,
די מויל ער עפענט, אָט פערמאַכט ער,
הויך צום בוים ער בליקט.

און זאָגט צום זינגער : „כ׳הער דיר גערען,
הימליש איז דיין קלאַנג.
דו שפּאַלסט די וואָלקענס, גרייכסט די שטערען,
ברענגסט פון דאָרט געזאַנג.

שעפּסט אָן דיין גייסטיג רייכען לעבען
פון דעם הימעל׳ס קוואַל,
די פּאָעזי איז דיר געגעבען,
זינג־זשע, נאַכטיגאַל.

דיר קען קיין טהעמאַ קיין מאָל פעהלען.
אינהאַלטס־רייך ביסטו.
איך וואָלט אויך דיכטען, זינגען וועלען
שעהן אַזוי, ווי דו . . .

פאעט און פאָרטונא

(לעגענדע)

פערקלעהרט און פערטראַכט איז דער דיכטער געגאַנגען,
דורך וועלדער, דורך פעלדער, דורך גראָז און דורך זאַנגען.

און פלוצלינג איין פרעכטיג ערשיינונג דערזעהט ער:
אַזאַ בילד צו מאַכען — דאָס קענען נאָר געטער.

אַ גרויסער, אַ שעהנער, אַ פראַכטפאָלער גאָרטען,
מיט פרוכטבאָרע בוימער פון אַלערליי זאָרטען.

פון מאַרמאָר פיגורען, פאַנטאַנען, סטאַטועןן,
וואָס קונסט און וואָס ערליכעס — זעהט ער דאָרט רוהען.

אַ קוואַל פרישעס וואַסער, וואָס לייכט ווי אַ שפּיגעל,
און פויגלען מיט גאָלדענע פעדער און פליגעל;

זיי שפּיעלען, זיי זינגען מתיקות'דיג געטליך,
און טאַנצען און שפּרינגען אויף צווייגלעך, אויף בלעטלעך.

בעגייסטערט האָט ער דאָ געוואָרפען די בליקען,
שוין האָט זיין פאַנטאַזיע איהם פאַרגעשטעלט גליקען;

פון וועלטען אָהן דערנער, פון דופטיגע בלומען,
דאָ האָט ער צום דיכטען זיין פּינזעל גענומען.

נאָר הינטער אַ לינדען בוים טיעף אין דעם גאָרטען,
בעמערקט האָט זיין אויג ווי אַ פרוי זיצט זיך דאָרטען.

נון, דענקט ער, איהר שעהנהייט דאַרף האָבען קיין גלייכען,
וואו אַלעם איז שעהן, מוז נאָר שעהנהייט ערגרייכען.

ענטציקט און בעגייסטערט לויפט ער צו דער לינדע,
און זעהט צו זיין שטוינען, איין העסליכע בלינדע.

אין כעס געוואָרען איז ער אויף דער שטעלע,
„ארויס גיך, דו העקסע ! דו געה אין דער העלע !

ווי וואַגט גאָר דיין פוס אַזאַ הייליגטהום טרעטען ?!
דער גאָרטען געמאַכט איז פאַר קינסטלער, פאָעטען״.

* * *

„אַזוי גאָר, וואו האָסטו די לאָגיק גענומען ?
און ווער האָט ערלויבט דיר אַהער גאָר צו קומען ?

דער גאָרטען איז מיינער, מעגסט האָבען אמונה.
זיי וויסען, איך בין דאָס די געטין פאָרטונא !

די געטין פון רייכטהום, פון אוצרות, פון גליקען !
ווער מיר רעספעקטירט ניט, דעם טהו איך דערדריקען.

און ווייל דו ביסט פרעך מיר געוועזן, דו פאָעט׳ל !
ווערסטו פון היינט אָן אויסגעמעקט פון מיין צעטעל״ . . .

* * *

נאָך דעם איז פערשוואונדען די געטין און אַלעם,
און פאַר דעם פאָעט איז געבליבען דער דלות . . .

נעבאך די רייכע

וואָס נוטצען די ליעדלאַך — די קלעגליכע טענער,
ניט זיפצעט, פּאָעטען, זייט מוטהיג, זייט מענער,

גיט מוטה אויך דעם אָר'מען, זאָל ביי זיך ניט פאַלען,
דערצעהלט איהם קיין גליקען פון פוטץ און פון זאַאלען,

פון זיסע מאַכלים, פון פול־פעטע טעלער,
פון שטאַרקע געטרענקע, פון לעבהאַפטע בעלער,

פון די מאַסקעראַדנע הוליאַנקעס צו מאַכען,
פון קלובען, פון רייסעס, פון נאָך גוטע זאַכען :

ווי זעהן אין דער אָפּערא די פרימאַדאָנע,
און איהר איבעררייכען א רייכע מתנה.

ווי פאָהרען אין פראַנקרייך, אין שווייץ, אין איטאַליע,
דאָרט קויפען אַ הינטעל, אַ קעצעל, אַ פאַלע.

צי גאָר אויף דעם יאַכט־פעלד דעם נחת געניסען,
די בעערען, די לייבען, דעם טיגער צו שיסען.

ניט דאָס איז קיין גליקען, קייןווירקליכע פריידען,
עס לוינט ניט, פּאָעטען, פון דעם גאָר צו ריידען :

דאָס זיינען נאָר מיטלען די צרות פערשלאָגען,
די רייכע, זיי האָבען גענוג אויך צו קלאָגען.

און אָט וואָס איז נויטהיג: בעזינגען די צרות,
פון דיזע מאַגנאַטען, פון די גרויסע שררות.

און זאָל דאַן דער אָרימער טרייסט דאָ געפינען,
און זאָל ער דעם רייכען זיין רייכטהום פערגינען,

און זאָל ער איהם זאָגען: „דו ווערג זיך מיט אַלעם,
איך בין פאַר דיר רייכער, זאָגאַר מיט מיין דלות . . .

מיין אָרימען מאַלצייט קען איך דאָך געניסען,
אויף האַרטען, האַרט שלאָף איך, מיט ריינעם געוויסען . . .

און דו קענסט אויף מיין אַפּעטיט קיין מאָל האָפען,
אויף פוך און אויף זיידענס, און קענסט דאָך ניט שלאָפען...

און מיר מיין ליעב ווייבעל איז טרייער ווי דיינע,
און מיינע צוועלף קינדער, די זיינען דאָך מיינע . . .

און דיין ווייב, וואָס ווייסטו וואו זי איז געגאַנגען?
דו טאָרסט גאָר קיין רעכנונג פון איהר ניט פערלאַנגען.

די העפליכקייט פאָדערט צו שווייגען, כאָטש פלאַצען,
זאָנסט וועט מען דיין גראָבהייט צוטראָגען אויף טאַצען,

און ווערסט אויסגעשלאָסען פון עהרען־לעגיאָנען,
מיט איינער וואָרט: טרייהייט, דאָס טאָרסטו ניט מאָנען.

ניט ווילענדיג אָבלאָזען מוזטו די לייצע,
מען רופט דיר פּאַפּאַשאַ — און זיי מיט דעם יוצא . . .

און אויסער דעם וועט דיין פּראָטעסט גאָרניט טויגען,
דען דו האָסט דאָך נעבאך אליין גרויסע אויגען,

דערזעהסט ביי דיין חבר אַ בעסערען שטיינדעל,
אַ שעהנערע ווייבעל, אַ ליעבער׳ן חנ׳דעל,

דאַן ווערסטו פערצאַפּעלט, עס קען זאָ ווייט ברײינגען,
זאָלסט כאַפּען אַ שטריקעל אום זעלבסט זיך צו הייגגען.

און ווען דיר געלינגט שוין דיין ליידענשאפט זעטען,
קומט געטין ווענעראַ — צו דיר אונגעבעטען,

און דו אונטערוואַרפסט זיך אין גאַנצען דעם דאָקטאָר,
און ער, ווי אַ פּיאַווקע, דיין בלוט זויגט ער נאָגט ער,

ער האַלט אין איין נעהמען און דו מוזט איהם געבען,
און ווערסט נאָך אַ קאַליקע דיין גאַנצען לעבען . . .

דו ווערסט נעבאך פריה אַ צובראָכענער שאַרבען,
און דיין יצר הרע, אַ יונגער מוז שטאַרבען.

דו ווירקסט אַזוי פּיעל ווי אַ גיפּסענע ליאַלקע,
און קענסט זיין אַ סרים ביי ושתי המלכה.

און האָסט שוין דיין שטונדע די לעצטע געשלאָגען,
וועט ווער נאָך דיה וויינען? וועט ווער נאָך דיר קלאָגען?

פיעלייכט וועט דיין פרוי אויף די האָאר פון זיך רייסען ?
זיך שלאָגען אין קאָפּ און די פינגער זיך בייסען ?

פערצווייפעלט ! מיט גוואַלדען בעפאלען דיין לייכע !
ניין, ניין ! דיזער מנהג, דער געהט ניט ביי רייכע . . .

עס הערשט דאָרט אַ שטילקייט פונקט ווי אין אַ קלויסטער,
די יורשים, אין הערצען, שוין מאַכען דעם רייסטער.

זיי רעכענען וויפיעל פון דיר איז געבליבען,
זיי האָבען אין זינען וואָס דו האָסט געקליבען.

און דיר האָבען זיי ניט זאָגאַר אין דער פּיאַטע,
ווי דו ביסט קיין מאָן גאָר, ווי דו ביסט קיין טאַטע . . .

אויב ניט גוט איז אַרמוטה, ביי'ן לעבען זיך דאַרבען,
איז גוט כאָטש דעם אָרעמען, ווען ער דאַרף שטאַרבען.

דעם רייכען איז נעבאך ניט גוט ביידע וועלטען,
ווער רעדט, איהם מקנא זיין, דאָס דאַרף מען זעלטען . . .״

דער שלים-מזל'דיגער

איהר זאָלט נאָר ניט לאַכען! איך בין אַ געשטראָפטער,
עס העלפט ניט מיין שטרעבען, עס העלפט מיר קיין זאַך.
מיין גליק איז בעהאַלטען, דאָרט ערגעץ־וואו שלאָפט ער,
דער וויסטער שלים־מזל — אָט ער איז נאָר וואַך . . .

אַלס קינד, מיין שלים־מזל נאָך פלעגט מען דערקענען,
מיט מיר פלעגט נאָר סבות און אונגליק געשעהן,
דאַ פלעג איך מיך אָפּשלאָגען, פאַלען, פערברענען,
גע'חשך'ט געפינסטערט, די וועלט ניט געזעהן,

איך האָב ניט געהאַט גלייך ווי אַלע, אַ מוטער;
אַ שטיעפמוטער! גרויזאַם און גיפטיג, אַ שלאַנג!
זאָגאַר אויך מיין פאַטער וואַר מיר ניט קיין גוטער,
און האָט אין זיין הויז ניט געהאַלטען מיך לאַנג.

אַזוי קעמפף איך לײדענדיג, לעב נאָך אויף צרות,
און אַלץ דער שלים־מזל אין וועג שטעהט מיר האַרב,
ער האָט מיר געמאַכט אַז איך טויג אויף כפרות,
ניט עהרליך, ניט גנב'ע, ניט לעב און ניט שטאַרב . . .

געפּרובט האָב איך בעטען ניט איין מאָל ביי רייכע,
זיי זאָלען מיר געבען בלויז אַרבייט, ניט מעהר,

נאָר ווייל איך זעה אוים ווי פון קבר אַ לייכע,
עגטזאָגט מען, מען דענקט אַז עס וועט מיר זיין שווער.

געפּרובט האָב איך איין מאָל, וואָס זאָל איך זיך שעהמען ?
אוים נויטה, נאָך אַ בולקע צו שטרעקען מיין האַנד,
נאָר אַלץ דער שלים־מזל ! די ערד זאָל איהם נעהמען,
ער האָט מיר פערראורזאַכט אי קערקער, אי שאַנד.

און איין מאָל בעשלאָסען האָב איך, מיט מיין לעבען
איין ענדע צו מאַכען, צו אַלדע שוואַרץ יאָהר !
כ׳האָב האַסטיג אין וואַסער אַ וואָרף זיך געגעבען,
נור האָט מען אַרויסגעשלעפּט מיך פאַר די האָאָר.

מיך בריינגען צום לעבען האָט לאַנג ניט געדויערט,
און נאָך אַמאָל האָב איך שוין ניט ריזיקירט.
מען האָט פאַר רחמנות, מיך ווי ס׳איז פערשלייערט,
נאָר האָט מיין שלים־מזל מיך „אונטערגעפיהרט" . . .

מיט עהרליכקייט

געאַרעמט מיט עהרליכקייט איז ער געגאַנגען,
און אַלעם געטהאָן נאָך איהר וואונש און פערלאַנגען,
ער האָט איהר אוים ליעבע געאָפּפערט זיין ווילען,
וואָלט זי נאָר פערלאַנגט וואָס, און ער וואָלט ערפילען.
זי האָט אָבער קיין זאַך פערלאַנגט און געבעטען,
איהר הייליגער וואונש איז: איהם היטען, איהם רעטען,
ער זאָל ניט פערגעהן אין פערדאָרבענע וועגען.
און ער, ווי אַ קינד, פלעגט ביי איהר אַלעם פרעגען.
איהם האָט ניט געאַרט וואָס מען מאַכט אַ געלעכטער,
דאָך איז איהם געגאַנגען וואָס ווייטער אַלץ שלעכטער.
עס האָט איהם זיין אַרבייט מיט ברויט ניט געזעטיגט,
ווי ער איז געלאָפען, דאָך האָט ער פערשפּעטיגט.
וואָס ווייטער איז ערגער געוואָרן זיין לאַגע,
עס האָט איהם געמאַטערט די ביטערע פראַגע:
„פון וואַנען עס נעהמט זיך דער פינסטערער דלות?
זאָל זיין אַז די עהרליכקייט האָט שולד אין אַלעם
ברענגט זי מיר דאָס אונגליק? צו זאָל איך עס גלויבען?
יא, זי. דען זי לאָזט מיר מיין קאָפּ גאָר ניט הויבען!
יא זי"! און ער האָט זיין געדולד שוין פערלאָרען,
אויף עהרליכקייט אויסגעלאָזט האָט ער זיין צאָרען.
„אַוועק פון מיר! כ'וויל ניט דו זאָלסט מיך בעגלייטען,
דו ביסט מיר שלים-מזל'דיג, ברענגסט אַלע נויטהען!"

און עהרליכקייט איז זיך געשטאַנען אַ בלייכע,
געענטפערט האָט זי מיט אַ קול ווי פון איכה,
וואָס האָט זיך געבעטען, וואָס האָט זיך פערטהיידיגט:
„דו האָסט מיר, מיין ליעבסטער, אומזיסט גאָר בעליידיגט.
איך בין ניט פאַר דיר, ווי דו דענקסט, אַ שלים־מזל,
ווילסט רייכטהום, פערמעגען? געה גנב'ע און גזל!
ווילסט זילבער און גאָלד און בריליאַנטען פערעהרען?...
דאָס זיינען פון בלוט, פון פערגליווערטע טרעהרען...
הער אויס, איך וועל צייגען דיר עטליכע בילדער,
פיעלייכט וועסטו ווערען אַ ביסעלע מילדער,
פיעלייכט וועסטו נעהמען דערפון זיך אַ ראיה,
און בלייבען מיט מיר, דיין געליעבטע און טרייע.
נון זעה: מיט בריליאַנטען אַ פרוי אַ בעציערטע,
געפלאָגט פון געוויסען, אַ האַרץ אַ פערשמירטע.
און זעה דעם באַנקיר וואָס ער האַלט אין איין צעהלען,
דאָך קראַנק איז זיין זעעלע, קיין מאָל ניט צו היילען.
אָט האַלט דאָרטען איינער פיעל גאָלד אין זיין הייפעל,
נאָר האָט ער פערקויפט זיין נשמה צום טייפעל.
זעה, דער האָט איין אָטאָמאָביל זיך ערוואָרבען,
דורך דעם איז געפאַלען ניט איין מענש אַ קרבן.
אָט זעהסטו אַ מענש'ל האָט הייזער, האָט הויפען,
זיין טאַטען, זיין מאַמען, וואָלט ער אויך פערקויפען.
אָט קוק אָן א בייכעל, אַ שפייז־קראָם מיט עסען,
אַך! מענשען־בלוט, מענשען־פלייש האָט ער געפרעסען.
אָט זעה יענע דאַמע, זי זוכט פערגעניגען,
פערקויפט זיך, פערדינגט זיך, אום עפּעס צו קריגען.
נון, ווילסטו זיין איינער אָט פון יענער באַנדע?
דאַן געה און פערזינק אין דיין אייגענער שאַנדע."

* * *

ער איז ניט געגאַנגען און איז ניט געזונקען.
די עהרליכקייט האָט איהם אַזוי ווי בעטרונקען.
ער איז נאָך עד היום פון איהר ניט געשיעדען,
פערבליבען אַ קבצן, און איז זיך צופריעדען . . .

צו איהר געבורטסטאג

(געווידמעט מיינע אַ נאָהענטע קרובה).

דיינע הענטלאַך האָבען גבורה ;
שווערע אַרבייט איז דיר גרינג.
נור דיין פיסק, דיין שוואַרצע צורה,
וועגען איבער אַלעם דינג . . .

פוצט אַ הויז אויף, איז עס זעלטען,
יעדער ווינקעל שפיגעלט פראָסט.
אָבער ווען דו נעהמסט זיך שעלטען,
געהט אַריבער אַזש אַ פראָסט.

ס'איז אַ זינד דיין בלוט פערצאַפּען,
ביזט אַ שוואַכעס ווייזען נאַר.
דאָך דער מאַן וואָס וועט דיך כאַפּען,
איהם וועט כאַפּען דער שוואַרץ יאָהר . . .

אלטע פעלקער

(נאָך עממא לאזארוס).

דער מצרי האָט
פערלאַנגט פון גאָט,
נאָר רייכטהימער צום לעבען.
און גאָט האָט גלייך,
געמאַכט איהם רייך,
פיעל אוצרות איהם געגעבען.

דאָך האָט געבראַכט איהם וועניג נוטץ,
וואָס ער האָט אָנגעקליבען,
ווייל פון דעם מצרי, פון זיין גוטס —
קיין זכר איז געבליבען.

דער גרעק אויך האָט
פערלאַנגט פון גאָט,
די שעהנקייטען פון לעבען.
האָט גאָט מיט גונסט,
איהם באַלד די קונסט,
די פּאָעזי געגעבען.

דאָך ניט געלונגען איז איהם פיעל,
זיין שעהנקייט לאַנג צו צייגען,

דער גרעק איז שוין אַ צייט לאַנג שטיל,
ער שווייגט און וועט שוין שווייגען.

דער רוימער האָט
פערלאַנגט פון גאָט,
דעם כח פון אַ קריעגער.
האָט גאָט זיין גוואַלד
געהערט, איהם באַלד
געמאַכט צום העלד, צום זיעגער.

דאָך ביז אַ צייט האָט איהם געגליקט,
צו קעמפפען און צו זיעגען,
דער רוימער איז שוין לאַנג בעזיעגט,
ער ליעגט און וועט שוין ליעגען.

דער איד זיין גאָט
געבעטען האָט
די וואַרהייט אויף צום לעבען.
האָט גאָט מיט פרייד,
דערהערט זיין רייד,
אַ תורה איהם געגעבען.

פיעל שונאים האָט ער, דאָך ער שטרעבט
בעקעמפפען יעדע גזירה.
ער טרעט אויף קברים און ער לעבט,
צוזאַמען מיט זיין תורה.

אונשטערבליכקייט

אחרי מות
קדשים אמור.
האָסט פערזועט די שעהנסטע פלאַנצען,
ניט געזועט קיין ברויט.
דו װעסט קריגען לאָרבער־קראַנצען,
אָבער נאָכ׳ן טויט.

האָסט בעזונגען זונן און שטערען,
הימליש, געטליך פיין,
ס׳װעלען פיעלע דיר פערהערען,
דו װעסט דאָך ניט זיין.

האָסט געדיכטעט ליעדער שעהנע,
אין דער גרעסטער נויטה,
װעסט בעקומען אַ מורינו,
אָבער נאָכ׳ן טויט.

ניט געבעטען האָט דיר קיינער,
ברעכען זיך דעם קאָפּ;
קעהרסטו גאַססען, שלעפּסטו שטיינער,
ביסטו בעסער אָפּ.

נאטור געזעטצע

קיין זאַך קען נאַטור פערליערען,
וואָס געוועזן איז, דאָס איז דאָ;
ס'קענען זיך די פאָרמען בייטען,
ס'עקזיסטירט ניט קיין „ניטאָ" !

מענשען שטאַרבען, חיות שטאַרבען,
פעלדער ווערען רואינירט,
וועלדער האַקט מען אויס צום ברענען,
און די וועלט — זי עקזיסטירט.

פון איהר צאָהל טאָר קיין זאַך פעהלען,
אויך אַ מאָן ווערט אויפגעזוכט;
און פון קברים, פון די טויטע,
וואַקסען בוימער, וואַקסען פרוכט.

און אַ מענש ווערט פון אַן אַפּע,
פון אַ מענשען ווערט אַ טהיער,
פון אַ וואָרעם ווערט אַ פויגעל,
פון אַ חזיר ווערט אַ גביר.

פון אַ שלאַנג ווערט אַ רפואה,
פון אַ פרוי, אַ קראָקאָדיל;
פון אַן עזעל — אַ מנגן,
פון אַ חזן ווערט אַ גריל.

פון אַ דראַטווע ווערט אַ סטאָף־פייף,
פון אַ טאַנץ־האָלל ווערט אַ קלויז;
פון אַ מסור ווערט אַ גבאי,
פון אַן אַנזעץ ווערט אַ הויז.

בלויז עס בייטען זיך די פאָרמען,
טהוען אָן אַנאַנדער קלייד;
אונזער וועלט'ל איז די זעלבע,
איהר מאַכט דאָס קיין אונטערשייד.

שלום

נאָך די פיעלע ימים בלוט,
פאַר זיין זיעג בעצאָהל איהם,
דעם, וואָס האָט געשלאָגען גוט —
וועט ער מאַכען שלום.

דער בעזיעגטער וויליגט איין,
דאָך גיט ער צו וויסען,
גאַנץ נאָר זאָל זיין עהרע זיין,
וועט ער פריעדען שליסען.

דער פאַר עהרע, דער פאַר געלד,
גרוים הכנות מאַכט מען —
און דערווייל ליידט די וועלט,
און דערווייל שלאַכט מען.

אַ קאַפּיטעל דניאל

בלשאצר, דער קעניג פון בבל,
אין פּרעכטיגען פּאַלאַץ ביי נאַכט,
האָט ער ווי זיין שטייגער — אין לוקסוס,
מיט זיין גאַנצע סוויטע פערבראַכט.

עס האָבען די לייכטענדע לאָמפּען,
די פינסטערע נאַכט קאָנקורירט,
דער וויין האָט גענומען די פּאָל־מאַכט,
און האָט איבער זיי יעצט רעגיערט.

און טרינקען — דאָס איז זייער גלויבען,
אַ מצוה פאַר גרויס און פאַר קליין,
צו טרינקען פאַר זייערע געטער,
געמאַכטע פון גאָלד און פון שטיין.

און טרינקענדיג — האָבען די געטער,
ווי לעבעדיג זיך אויסגעצייגט . . .
דער קעניג האָט אָבער אין טרינקען
אַ יעדען אריבער געשטייגט.

און ער האָט פאַר חדוה וגדולה
אַ זאָג געטהאָן: „פעסט איז מיין טהראָן!

בעוואַכען מיר נאָר מיינע געטער,
קען קיינער קיין שלעכטעס מיר טהאָן.

געבראַכט זאָלען ווערען די כלים
פון אידישען טעמפּעל אַהער,
די בעכערס פון דעם בית המקדש!
און מיר וועלען טרינקען נאָך מעהר!"

און באַלד האָט אַ יעדער געהאַלטען,
פון קנעכט ביז דעם הערשער פון לאַנד,
פון פריסטערשטאַס ביז די מאַטרעסעס,
אַ הייליגען בעכער אין האַנד.

מען האָט זיך געוויצעלט מיט ווערטלאַך,
וואָס נאָר יעדער שיכור פערמאָגט.
געשטעלט האָט זיך ווידער דער קעניג,
און וואַקלענדיג האָט ער געזאָגט:

„איך צייג ירמיהו הנביא,
אַז פון זיין נבואה איך שפּאָט,
איך לאַך פון זיין גאָט און איך צווייפעל
אויב ער איז גאָר עפּעס אַ גאָט".

נאָר האָבען איהם באַלד זיינע ווערטער
דערשראַקען, און גאָר ניט אויף שפּאַס,
דערפיהלט האָט זיין קערפּער אַ ציטער,
זיין פּנים געוואָרען איז בלאַס.

די וואַנד וואָס שטעהט איהם געגענאיבער,
אַ בליק געטהאָן האָט ער אויף איהר,
און זעהט, ווי אַ מענשען־האַנד שרייבט דאָרט,
אַ פייער־שריפט פון ווערטער פיער.

„וואָס זאָלען די ווערטער בעדייטען ?
חכמים, ערקלעהרט עס מיר גלייך !
אַ קלייד גיב איך יענעם, פון פורפור,
אַ דריטעל פון מיין קעניגרייך".

נאָר ווייסען ניט זיינע חכמים,
זיי שטעהען געקרענקט און געפּלאָגט.
האָט איינע דעם קעניג'ס אַ קעפּס־ווייב,
געקניהט זיך פאַר איהם און געזאָגט :

„דו האָסט אין דיין רייך איין יהודי,
דיין פאָטער נאָך, האָט איהם געאַכט ;
ער וועט דיר ערקלעהרליך דאָס לעזען".
באַלד האָט מען דניאל'ן געבראַכט.

צו איהם האָט געווענדט זיך בלשאצר :
„איך האָב פון דיין חכמה געהערט.
ערקלעהר פון די שריפט דעם בעדייטונג,
און איך וועל פערגעלטען דיין ווערטה.

אַ דריט־חלק פון מיין מלוכה
בעקומסטו, נאָר מאַך עס אויף גיך !"
— אה ! קעניג, איך דאַרף קיין מתנות,
דו קענסט אַלעס האַלטען פאַר זיך.

אומזיסט וועל איך דיר דאָס ערקלעהרען,
זיי וויסען : די שריפטליכע האַנד
איז גאָטעס. דו האָסט איהם ערצעהרענט,
יעצט נעהמט ער פון דיר צו דיין לאַנד.

דיין נאָמען, דיין רייכטהום, דיין עהרע,
דיין קאָפּ וועט געדעקט זיין מיט שפּאָט,

ווייל דו האָסט ערלויבט זיך צו וויצלען,
צו שפּאַסען פון אידישען גאָט.

פערראַונווירדיגט האָסטו די כלים!
פון היכל, פון גאָטעס געצעלט!
געטרונקען האָסטו צו די געטער,
וואָס דו האָסט פאַר זיך זיי בעשטעלט.

פון גאָלד, זילבער, קופּער און העלצער,
אָהן פיהלונגס־קראַפט, שטום, טויב און בלינד;
געטרונקען מיט דיינע מאַטרעסעס
די ווערקצייג פון שמוץ און פון זינד.

ערהאַלטען האָט נבוכדנאצר,
פון הימלישען שעפּפער, זיין שטראָף,
געפיהרט האָסטו זיך ווי דיין פאָטער,
איז יעצט אויך געקומען דיין סוף.

די ווערטער וואָס זיינען געשריבען,
הער צו זייער איינפאַכען פּשט:
„מנא מנא תקל ופרסין",
געצעהלט און געוואויגען דיין טהאַט

האָט גאָט, און ער האָט שוין בעשלאָסען:
אַז אַלעס וואָס ליעגט אין דיין מאַכט,
אַוועקגעבען פּרס ומדי,
בעפאָר נאָך ס'פערשווינדעט די נאַכט.

פוסי־קעט

(אַ קינדער־שפּיעל).

אין גאַס האָבען קינדער געשפּיעלט פּוסי־קעט,
אַ שפּיעל וואָס פאַר קינדער איז גוט,
אין דעם איז איין אַלטיטשקער צו און ער בעט
די שטעקעלאַך אויף אַ מינוט.

ער האָט זיי גענומען מיט טרייסלענדע הענד,
געציעלט און אַ וואָרף געטהאָן ווייט,
בעשאָנקען די קינדער מיט עטליכע סענט,
און איז זיך אַוועק אָן דער זייט.

און גראַדע האָט איינער די סצענע דערזעהן,
אַן אַלטען אין דיזען סאָרט שפּיעל,
איהם פרעגען איז ער אויך אַ בעלן געווען,
„צו ליעגט אין דעם עפּעס אַ ציעל?"

דער אַלטער האָט איהם אויך זיין וואונש באַלד ערפּיעלט,
„איך האָב אין מיין יוגענד אין דעם אויך געשפּיעלט.

און יעצט נאָך, די ווייטקייט פון וואָרף איז מיר קלאָהר,
אַז ווייט פון דעם שפּיעל בין איך זיעבעציג יאָהר . . . "

שבת'דיגע טרעהרען

פון דעם דאַמפּפער „ה.ה. מייער",
וועלכער שלעפּט זיך זעכצעהן טעג,
לויפען מענשען ווי פון פייער.
יעדער וויל שוין זיין ביי'ם ברעג.
פון די פייכטע לופט די קאַלטע,
וויל אַ יעדער גיך אַוועק,
און איין אַלטער מיט זיין אַלטע,
קריכען פון דעם צווישען־דעק.
אונטער זיי די פיס זיך בויגען,
קענען קוים זיך טהאָן אַ ריהר,
דאָך דערקענט מען אָן די אויגען,
פריידע, האָפנונג אָהן אַ שיעור.
באַלד וועט אויפהערען דער ליאַרמען;
ווייסט איהר וואָס זיי וועלען טהון?
האַלזען, קושען, פעסט אומאַרמען
זייער ליעבען, גוטען זוהן.
וועלכער האָט זאַגאַר פון ווייטען,
זיי בעהאַנדעלט איידעל, פיין;
יעצט ערשט קומען גוטע צייטען!
פרעהען זיך און נאָהענט זיין . . .

אַך ! וואָס קען דען בעסערס געבען ?
ווי צו זעהן איין איינציג קינד,
יוגענד, פרישקייט, קראַפט און לעבען —
ברענגט זיי דער געדאַנק געשווינד.

* * *

דאָס איז אָבער גיך פאַראיבער,
און דער אַלטער קוקט זיך אום :
אַך ! און ווער ! זיין זוהן דער ליעבער,
איז ניט ווי געהעריג פרום.
וואו איז דאַוונען ? קיין זאַך היט ער,
ער פערשוועכט דעם נאָמען איד.
צו דער אַרבייט, פריה שוין פליהט ער,
פון דער אַרבייט קומט ער מיעד —
פאַלט ער גלייך אַהנמעכטיג שלאָפען,
ברענגט קיין אידיש וואָרט אַרוים ;
און דער אַלטער וואָלט איהם שטראָפען,
קומט איהם גאָר קיין צייט ניט אוים.
און בעשליסט זיך ניט צו שווייגען,
שבת איז אַ פרייע צייט :
„איך, זיין טאַטע, וועל איהם צייגען,
ווי צו זיין אַזוי פערשייט".
קומט דער שבת, און בעגינען,
איז דער זוהן אין שאַפ אַוועק,
הייסע טרעהרען גיסען, רינען
ביי דעם אַלטען גאָר אַ שרעק.
„שבת ! ווער דעם טאַטען, מאַמען !
אוי ! מחלל שבת זיין !

ווענינ איז אין גיהנום פלאַמען,
גרויזאַם, שרעקליך איז מיין פיין".
און די אַלטע טרייסט איהם גערן,
זעלבסט ערביטערט פון איהר קינד,
זאָגט זי : „שבת גיסען טרעהרען
איז דאָך אויך אַ גרויסע זינד !"
—„ניין, די טרעהרען, די געהערען
נאָר דעם שבת, איהם אַליין ;
דאָס איז שבת'דיגע טרעהרען !
שבת'דיג איז דער געוויין ! . . "

שטיינער פאר שטיינער

(אויף דער לויה פון הרה"ג ר' יעקב יוסף, רב הכולל פון נויאָרק).

עס לערנען און שטערבען די פרומע רבנים ;
און האָבען אין לעבען ביי אונז גאָר קיין פנים !

מיר לאָזען זיי דאַרבען — מיר זיינען דאָך פרייע ;
נאָר אָט ווען זיי שטאַרבען, איז גרויס די לויה.

איך הויב אָן באַלד גלויבען, אַז גראָד ביי'ם בעוויינען,
דאַן הייסט מען פון אויבען אונז אידען, פערשטיינען.

די קעפ אונז צו מאָהלען ! אונז ברעכען די ביינער,
דאָס הייסט מען אונז צאָהלען מיט שטיינער פאַר שטיינער.

לכבוד שבועות

אויף סיני האָט משה געשטיגען,
דער באַרג האָט מיט פייער געשפיגען,
דער דונער האָט דאָרטען רעגיערט,
איז פערציג טעג דאָרטען געבליבען,
און לוחות צוויי האָט ער געשריבען,
ווי גאָט האָט איהם דאָרטען דיקטירט.
מיט אויגען פול ליעבע און פריידע,
לויפט משה אַראָפּ צו זיין עדה,
פעסט האַלט ער די צעהן געבאָט,
נאָר פּלוצים, וואָס זעהען זיינע אויגען.!
דאָס פאָלק האָט געקניהט זיך, געבויגען
צום עגל, צום גאָלדענעם גאָט . . .
זיין הארץ איז געוואָרען פערביטערט,
די הענד האָבען שרעקליך געציטערט,
ער האָט זיך פערלאָרען פון שרעק,
און האָט גלייך צובראָכען די לוחות . . . .
געפלויגען איז ער ווי פון רוחות,
פערביטערט, פערצווייפעלט אַוועק.
צו־וואונדעט זיין הארץ ווי פון שפּיזען,
און גאָט האָט צו איהם זיך בעוויזען,
און זאָגט איהם אַ טרייסט וואָרט : „אה, הער !

ס'איז לייכטער אַ תורה מיר שרייבען,
ווי נאָך אַ מאָל זוכען און קלייבען
אַ פאָלק ווי דער איד, כאָטש ווי ער . . .
אויף מיר נעהם איך דיזע עבירה,
קום מיט און איך גיב דיר די תורה.
די קאָפּיע פון יענע, פערשטעהסט !
דאַן געה, און דו זאָלסט מיט זיי לערנען,
זיי זאָלען מיך, גאָט, ניט ערצערנען
און טהאָן ווי די תורה זיי הייסט !
דאָך וועל איך דיין צער זיי ניט שווייגען,
זיי וועלען זיך זעלבסט איבערצייגען,
ווי שלעכט ס'איז אַ לעהרער צו זיין".
און דאָס איז מקוים געוואָרען : —
איד, פּלאַגסט זיך אַלס לעהרער זייט יאָהרען,
און האָסט פאַר שכר־למוד נאָר פּיין.
דו טראָגסט איבעראַל מיט דיין תורה,
דו גיבסט אַ בעגריעף פון דיין בורא,
שטעהסט אימער אין גרעסטען געפאַהר,
און קריגסט זעהר ווייניג פערהערער,
דו ליידעסט ווי משה דיין לעהרער,
און פיהלסט יעצט זיין וועהטאָג, זיין צער . . .

הין־הער־פלעט

דעם קראַנקען'ס קאָפּ ווערט שווער ווי אייזען,
אין זיינע פּיס אַזוי ווי בליי,
ער דענקט, דער טויט וועט באַלד זיך ווייזען,
און מאַכען איהם פון שמערצען פריי.

באַלד הערט דער דופּק אויף צו שלאָגען,
פערשטשימעט ווערען זיינע ציין,
די צונג קען מעהר קיין וואָרט ניט זאָגען,
די מאַטע אויגען בלייבען שטעהן.

זיין שוואַכע ברוסט הערט אויף זיך הויבען,
און שוין, ס'איז אַלעם אויסגעשפּיעלט ;
דאָך, ער אַליין קען דאָס ניט גלויבען,
ער הערט נאָך, זעהט נאָך און ער פיהלט.

זיין פיהלונגס־קראַפט איז יעצט גאַר בעסער,
מעהר דייטליך הערט ער וואָס מען רעדט ;
אָט זעהט ער קומען דעם פּראָפעסאָר,
און הערט זיין שטילען וואָרט : „ס'איז שפּעט"...

אַ קעלט געהט דורך דורך זיינע גליעדער,
איהם פרעסט זיין האַרץ פאַר אַנגסט און שרעק ;

שוין לעגט מען איהם אויף דר'ערד אַנידער,
מען נעהמט זיין בלייכע ווייב אַוועק.

די חברה־לייט אָט הערט ער געהען,
זיי קומען ווי מחבלים — פרעך,
זיי מעסטען איהם, ער פיהלט זיי נעהען,
תכריכים־שטעך, טאַנדעטנע שטעך . . .

די נעגעל, פיהלט ער, ווי זיי רייסען,
ער ווערט פון זיי געפליקט, געשלעפּט,
ער וואָלט זיי וועלען כאַפּען בייסען
אַ צייכען צייגען אַז ער לעבט.

ער פיהלט מען פיהרט איהם, פושקעס קלאַפּען,
ער הערט זיין ווייב'ס געשריי און גוואַלד,
צו וועט מען ווירקליך זיך ניט כאַפּען ?
און איהם אין גרוב פערשיטען באַלד ? . . .

און טהייער ווערט ביי איהם דאָס לעבען,
און זים ערשיינט פאַר איהם די וועלט,
ער וואָלט מיט פרייד יעצט אָפּגעגעבען,
זיין הויז, זיין גאָלד, זיין גאַנצעס געלד.

אַבי פון טויט זיך צו בעפרייען,
און אָט איז שוין דער הייליג אָרט ;
וואו נעהמט מען לשון ? אויסצושרייען
איין זילבע כאָטש, איין איינציג וואָרט ?

דערוויילע ארבייט שוין דער רידעל,
כבודים הערט ער ווי מען גיט ;
א קדיש איז דאָס לעצטע ליעדעל.
מען געהט אוועק, ער הערט די טריט.

אַט דאַ ערוואַכט איהם יעדער אבר,
ער הויבט אָן שרייען : „קעהרט זיך אום !
בעפרייט מיך, מענשען, פון מיין קבר !"
נאָר אַלעס שווייגט, ס'איז טויט, ס'איז שטום.

עס הויבט איהם אָן די לופט צו שטיקען,
און ער פרובירט יעצט אוים זיין קראַפט,
צו שלעפען, רייסען, שפּאַרען, דריקען —
זיין אַרבייט,ליידער, האָט קיין האַפט.

ער בייסט די פינגער, מאַכט זיך וואונדען,
ער פליקט די האָר, צורייסט זיין הויט ;
דאָך באַלד איז אַנגסט און פיין פערשוואונדען —
געקומען איז דער וואַהרער טויט.

די געזונקענע

געוועזן זיינען ציימען ווען אונשולד און פיינקייט
גענציערט האָט איהר שעהנע פיגור ;
פון זינד, פון פערדאָרבענהייט, שלעכטס און קראַנקהייט
האָט זי ניט געהאַט גאָר קיין שפור.

איהר קערפער ווי מאַרמאָר, איהר בליק זאַנפטיג, ליעבליך,
ברילליאַנטענע אויגען אַ פּאָאָר,
די בעקעלאַך ראָזע, מיט חן ליעבע גריבלאַך,
און לאָקען פון גאָלד־בלאָנדע האָאָר.

זי האָט מיט מאַגנעטישע קראַפט צוגעצויגען
אַ יעדען וואָס האָט איהר ערבליקט ;
געלויערט אויף איהר האָבען טויזענדע אויגען,
פון מענער וואָס זי האָט ענטציקט.

די האָאָר און די בעקעלאַך האָבען גערופען,
די אויגעלאַך האָבען גערעדט ;
קומט נעהענטער, קומט נאָר אַ ביסעלע שטיפען,
דאָ בעט זיך אַ קניפּ, דאָ אַ גלעט.

אַ גלעט און אַ קוש, און עס פאַלט שנעל דער קרבן,
דער קרבן פון אונשולד, אח ! וועה !

דאָך מענער וואָס זיינען פון לאַנג שוין פערדאָרבען —
וואָס האָט עם אַ ווערטה גאָר ביי זיי ?

אַ מיידעל, אַ שפּאַס גאָר, וואָס איז דאָ צו ריידען ?
זי טרינקט אוים דעם גיפטיגען כוס . . .
און ווער ס'זאָל איהר וואַרנען די שפּעטערע ליידען,
ווער קימערט זיך גאָר וועגען דאָס ?

נאָר שפּעטער האָט יעדער פון הויז איהר געטריבען,
געשפּיגען איהר גלייך אין געזיכט ;
קיין טרייסט־וואָרט פאַר איהר איז ביי קיינעם געבליבען
קיין מיטלייד, קיין רעכט, קיין געריכט.

אַזוי איז זי ווייטער אַלץ טיעפער געזונקען,
אוים האַס צו דער פינסטערער וועלט,
אין בלוטיגע טרעהרען האָט זי זיך געטרונקען,
אין ביטערען נויט זיך געקוועלט.

און שאַנדע און קראַנקהייט האָט זי זיך ערוואָרבען,
די בלום עקזיסטירט שוין ניט מעהר !
אין האָספּיטאַל אונטער דעם מעסער געשטאָרבען,
קיין אויג האָט געגעבען אַ טרעהר.

נאָך דער חופּה
(אַ סצענע).

ע ר :

„וואָס ביסטו, ליעבסטע, יעצט בעטריעבט ?
און ווילסט קיין שמייכעל געבען,
דו ביסט מיין פרוי, ביי מיר געליעבט,
מיין הארץ אָן דיינע איז געקניפּט.
זאָג, פעהלט דיר וואָס, מיין לעבען ?"

ז י :

— „מיין ליעבער מאַן, ביסט גוט און שעהן,
פון אַלץ ביסטו מיר ליעבער.
איך זעה מיין גליק איז דאָך ניט קליין,
מיר זיינען ביידע יעצט אַליין,
די האַכציים איז פאַראיבער.

דו האָסט מיר אין דיין הויז געבראַכט,
מיט ליעבעס־גליק, מיט פריידען,
מיין הימעל שיינט מיר יעצט אַ פּראַכט,
מיין צוקונפט הייגגט אָן דיזע נאַכט,
איך וויל מיט דיר וואָס ריידען.

דו קענסט די פינטעלאַך מיט דעם טראָפּ,
דו ביסט דאָך אַ בן תורה,
איך בויג פאַר דיר דאָ יעצט מיין קאָפּ,
איז וואַר ? די חופּה נעהמט אַראָפּ,
— אַ יעדע זאָרט עבירה ?"

ע ר :

— „ס'איז וואהר, די חופּה, ליעבעס קינד,
איז מכפּר חתן כלה,
נאָר קוים בעגעהסטו פון אַצינד
אַ חטא, דאַן פון בעפאָר די זינד
צוריק זיי קומען, אַלע.

דיין הארץ מוז ריין זיין ביז צו לעצט,
און הייליג ווי דער היכל !
דער פרויען־ראַנג איז הויך געשעצט,
און וואָס דו האָסט געטהאָן ביז יעצט,
איז גאָט געווים דיר מוחל".

ז י :

— „יא, גאָט. און דו ? מיין ליעבער מאַן,
קענסטו מיין זינד מיר שיינקען ?
איז גאָטעס גייסט ביי דיר פאַראַן ?
די גליקליכסטע וועל איך זיין דאַן,
און עוויג דיר געדיינקען.

געזינדיגט האָב איך געגען דיר,
ווי שטאַרק איך יעצט בערייהע !

געוויסענסביסע פיעל איך שפיר,
דער ערשטער ביסטו ניט ביי מיר,
פערציייהע מיר, פערציייהע !" —

ע ר :

— "דו ביסט פערציייהעט ! אָבער נאָר,
פאַר איין זאַך האָב איך מורא :
פיעלייכט ווערסטו נאָך מוטער גאָר ?
איך מוז זיין פרעמד פון דיר אַ יאָהר.
אַזוי הייסט אונזער תורה".

ז י :

— "אויב דאָס וועט דיר נאָר ניט טהאָן באַנג,
האָב איך געזאָרגט שוין איין מאָל.
דעם דאָקטאָר קומט אַ גרויסען דאַנק,
איך האָב געטרונקען איין געטראַנק,
אַז מוטער ווער איך קיין מאָל".

*   *   *

ע ר :

— "גענוג ! די מאָס איז שוין פערפול !
אָה ! שטאַרק, גאָט, מיין אמונה !
עס הויבט דער מאַרך, דער קאָפּ ווערט דול !
איך געה זיין פרוש אין אַ שוהל,
און דו בלייב אַ'ן עגונה".

די האָכציית האָט נאָר דעם איין ציעל :
דער וועלט צו ברענגען קינדער,
און ווער עס אַנדערש האָבען וויל,
און מאַכט דערפון אַ תאווה־שפּיעל,
אה ! יענער איז אַ זינדער !

די מאַמע

די טהיר פון מיין הויז ווי איך עפען,
בעפאַלט מיר מיין פרוי מיט געשריי:
„די קינדער, דער שלאַג זאָל זיי טרעפען!
ניט אויסהאַלטען קען מען פון זיי.

ווען דו וועסט היינט שווייגען דעם גרויסען,
ניט שמייסען, ניט פלעטען זיין קאָפּ,
זאָל איך ברײנגע סאָשע ניט הייסען!
איך געה פון מיין זינען אַראָפּ!

ער האָט היינט געוואָרפען די בייבי,
און בעני'ן צוגראַבעלט די נאָז,
אַ קראַנקער ליעגט אויך פון איהם אייבי,
היינט האָט ער צובראָכען אַ גלאָז.

געוואָרפען אויף יעדען אַ שמאַטע,
און מיר נאָך געוויזען אַ צונג.
וואָס שווייגסטו? דו ביסט דאָך אַ טאַטע!
דו זאָלסט זיך יעצט נעהמען צום יונג.

* * *

איך פיהל וואָס זי האָט דאָ געליטען,
און לויף מיט אַ שטראָף צו איהם צו,
נאָר אָט איז די מאַמע אין מיטען,
און בעט מיך: „זעה, לאָז איהם צורוה"...

פערשיעדענע געזאַנגען

איך האָב שוין געזונגען
פערשיעדענע ליעדער.
פיר מיינע די עלענדע
שוועסטער אוןברידער,
און מיטגעפיהלט זייערע
אַנגסטען און שמערצען,
פון הערצען.

אין בעסערע צייטען
האָב איך מיך געוויצעלט,
גלייך־ווערטלאַך געזאָגט, און
עס האָט זיי געקיצעלט;
מען פלעגט ביי די זייטען
זיך האַלטען אין סך'ען
פון לאַכען.

און יעצט זינג איך וויך'עט
נאָר אַנדערע ליעדער —
פון פיין און יסורים,
צוואוועהטאָגטע גליעדער,
איך זינג, און ס'פערגעהט מיר
אַזש טיעף אין מיין הערצען,
פון שמערצען.

ווען אַ דראַמאַ פאַלט דורך

(טענות).

פ ו ן   ד ר א מ א ט ו ר ג

עס איז מיין דראַמאַ דורכגעפאַלען,
און אַלע מיינע האָפנונג־שטראַהלען,
געדויערט האָט אַ צייט אַ קורצע —
אַ דאַנק דעם גרויסען סטאַר, דעם „פורצע".

וויפיעל איך האָב געזוכט צו געבען
אַ דראַמאַ דורכגעוועבט מיט לעבען,
נאַטירליך יעדען טיף געפאָרבען,
האָט דער בעהעלפער דאס פערדאָרבען.

זיין גרים פון רב, איז פון אַ בעדער ;
זיין טאָן, איז פון אַ פוהר די רעדער.
אַ ווערק גענומען און פערניכטעט !
אַ גזלן ! כ'וואָלט איהם הינגעריכטעט.

און דיזע שרעק איז נאָך מעהר קלעגליך :
די קריטיקער, ביי זיי איז מעגליך
די שולד צו װארפען אויף מיין שאַפען,
זיי זיינען דאָך קאָרופטע שקלאַפען.

פון סטאַר

װיפיעל בעאָבאַכטונג און פּראָבעס,
איין מאָל געשפּיעלט, און שוין בעגראָב עס ;
ס'איז אונמעגליך זיך אָנצושטרענגען
אַ בר מינן צום לעבען ברענגען.

װיפיעל די קונסט געקענט האָט דיענען,
װיפיעל עס האָט נאָך מאַרך מיין זינען,
און מיין טאַלאַנט מיט מיר געבאָרען,
געפּראַקטיצירט זייט לאַנגע יאָהרען.

דאָך האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען,
אַריינצובלאָזען עפּעס לעבען
אין דיזע שמאַטע, פון אַ שרייבער,
װאָס פּאַסט זיך זיין אַ בערען־טרייבער.

יעצט קומט די צרה : די קריטיקען,
זיי קענען נאָך — צו מיינע גליקען
די שולד גאָר װאַרפען אויף מיין שפּיעלען,
די הינד — זיי װעלען יעצט שוין בילען.

פון קריטיקער:

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

די מוזע

א יונגפרוי און דאָך ניט ווי אַלע,
די שעהנסטע פון פרויען־געשלעכט ;
געשלייערט, געפוצט ווי אַ כלה,
קומט מעהרסטענס צו מיר אין די נעכט.

אין הארצען ביי מיר הויבט אָן פלאַמען,
איך ווער ביי זיך אוים בעל הבית,
און קוים קומען מיר זיך צוזאַמען,
דאַן ווערט שוין בעשאַפען עטוואָס.

די מענשען צו קוויקען, צו לאַבען,
אַ בריה׳לע שעהן גאַר אָהן שיעור,
דאָך לאָזט זי דעם טראָגען, דעם האָבען,
אין גאַנצען גאַר איבער פאַר מיר.

זי מאַכט מיר גאַנץ איינפאַך מעוברת,
דער וואונדער איז — איך בין אַ מאַן,
און זי טראָגט זיך אָב אין די ספערעס,
און איך האָב צו זינגען ערשט דאַן...

נאַציאָנאַלע און פאָלקס-לידער

דער איינדרוק וואָס ה' שמולעוויטש האָט געמאַכט אויף

רעוו. צבי הירש מאַסליאַנסקי.

ניט איינמאָל האָב איך דעם פערגעניגען געהאַט צו הערען ליעדער פון דעם פאָלקס־דיכטער ה' שלמה שמולעוויטש אויף פערשיעדענע פערזאמלונגען, און איך האָב אימער פיעל הנאה געהאַט ווי פון דעם אינהאַלט וועלכער איז דורך און דורך נאַציאָ־נאַל און פול מיט'ן ווארימען אידישען געפיהל, אזוי אויך פון די מעלאָדיען אין וועלכע עס הערט זיך דער אידישער קרעכץ און דער טרויעריגער זיפץ פון אונזער אונגליקליכער אומה.

מר. שמולעוויטש האָט איבערצייגט דעם אידישען פוב־ליקום, אז מען קען אינטערעסירען דעם עולם מיט זויבערע, ריינע און ערהאבענע ליעדער, ניט מיט די באַלאַגאַנישע און נארישע דעמאָראַליזירטע פּלאָפּלעריי, וועלכע האָט זיך פערשפּרייט אויף דער אידישער ביהנע.

עס איז גענוג צו עראינערען זיינע פּאָפּולערע ליעדער ווי „דער טלית'ל", „דער תהלים'ל", „א בריוועלע דער מאַמען" וועלכע זיינען זעהר בע־קאַנט און בעליעבט ביי אונזער המון.

איך ווינש איהם גליק אין זיין אונטערנעהמונג.

צבי הירש מאַסליאַנסקי.

מען דאַרף בײַ גאָט קיין קשיות פרעגן *)

.1

אַ שעהנע וועלט, אַ קלוגע וועלט,
קונסטפאָל איז עס אויפגעשטעלט ;
אָבער פרעגט די פראַגע זיך : ווען, פון וועלכע הענד ?
ווער בעשאַפט די ליכטיגקייט ?
וואו דערגעהט מען ריכטיגקייט ?
ווי ווערט לעבענס-טהעטיגקייט ? גיבט עס וואו איין ענד ?
יא און ניט צופריעדענע,
פרעגען פיעל פערשיעדענע
קשיות פילאָזאָפישע : ווי ? פאַר ווען ? פאַר וואָס ?
מאַנכע מיט געשפּעטליכקייט
לייקענען די געטליכקייט,
אַנערקענען ווילען ניט קיין שום בעל הבית.
דאַן קומען פראַגעס, קלאַגעס,
פון בעזע שלעכטע לאַגעס,
פון פינסטערע געמיטהער :
פאַר וואָס דעם קנאַפּ דעם מעהרער ?
פאַר וואָס דעם גרינג, דעם שווערער ?
פאַר וואָס דעם זיס, דעם ביטער ?

---

*) מוזיק צו דיזע ליעד בײַ טהעאדאר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק. רעקארד פיר פאנאגראף בײַ מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

אָבער דער איד, דער אמת'ער איד
מיט עהרפורכט זינגט דיזע ליעד:

ר ע פ ר י י ן:

מען דאַרף ביי גאָט קיין קשיות פרעגען,
קען פערשטעהן ווער זיינע וועגען?
קומסט, און שוין געזעגען זיך,
וועסט קיין מאָל דערפרעגען זיך,
לעבערליך איז שטעלען זיך אַנטקעגען.
נאָך ניטאָ איז אַזאַ חכם
צו בעגרייפען גאָטעס דרכים;
פליגען, ווערים זיינען מיר,
געגען וועמען טענה'ן מיר?
מען דאַרף ביי גאָט קיין קשיות פרעגען.

2.

אַ שלעכטע וועלט, אַ בייזע וועלט,
ס'איז פון טרעהרען אויפגעשטעלט,
צרות, פיין און אונגליקען הערשען מיט גרויס מאַכט.
ווער עס צווינגט צו לעבען דיר,
האַלט ניט פון צו געבען דיר,
צו געניסען ריכטיגע גוטס פון הימעל'ס פראַכט.
מאַנגעל נויטה און קראַנקהייטען,
שטאָט די גליקען, פיינקייטען,
און די גוטסקייט, ליעבליכקייט, ווי מען שטעלט זיך פאָר,
אויב דאָס גליק שוין שפּיעלט זיך דיר,
גראַד ווען לעבען ווילט זיך דיר.
קומט דער טויט דער גרויזאַמער, שניידט אָפּ דיינע יאָהר.

יתומים פרעגען ביטער,
נאָך זייער פאָטער, מוטער,
עס זיפצען פיעל אלמנות.
אַך ! טייכען טרעהרען גיסען,
און צווייפלער ווילען וויסען :
וואו גאָט איז, וואו רחמנות ?
אָבער דער איד, א. ז. וו. (רעפריין).

3.

אַ סדום'ען וועלט, פאָגראָמען וועלט,
רויטע בלוט, אַך ! פליסט און קוועלט
אידיש בלוט נאָך וואַרימע גיסט זיך ווי אַ קוואַל.
וואַכענדיג, צי שלאָפענדיג,
צווייפלענדיג, צי האָפענדיג,
זיינען די קרבנות נאָר אידען איבעראַל,
קינדער פון די וויגעלאַך,
שוואַך אַזוי ווי פליעגעלאַך,
ווערען דיזע שעפעלאַך פון אַ גראָבע האַנד.
צוגעכאַפּט און צוגעדריקט,
פאַר די העלזלאַך צוגעשטיקט,
און די קעפּלאַך אָבגעקלאַפּט אָן דער מויער־וואַנד.
עס שרייט דאָס בלוט פון אידען,
עס הערט ניט אויף צו זידען,
עס מורמלען די נשמות !
די הימלען, לײדער שווייגען,
מען קען ניט איבערצייגען,
אַז ס'לעבט דער אל נקמות.
אָבער דער איד, א. ז. וו. (רעפריין).

יום הכפורים *)

1.

ס'איז דאָ ביי'ם איד אַ גרויסער טאָג,
פון פחד, מורא, יאָמער, קלאָג,
פון פאַסטען און פון תפלות.
אַ הייליגער נשמה טאָג
וואָס אָבגעשיידט איז מאָס און וואָג,
מסחרים, קריעג, רכילות.
געבויגען איז דעם אידען'ס קאָפּ,
ער גיט זיך מיט חשבונות אָפּ,
איז מודה, זיך מתודה.
אַ חשבון האָט ער זעלבסט מיט זיך,
אין איהם ערוואַכט זיין גייסט, זיין איך,
און בעט ביי גאָט גנאַדע:
סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו.
ר ע פ ר י י ן:
ס'איז יום הכפורים,
דער לייכטענדער טהורעם,
דער וועגווייזער אידעלע'ס אין גלות־ים.

---

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

זיין שיף האלב צובראָכען,
צו קיין ברעג דערקראָכען,
דאָך געהט עס אין ריכטונג פון געטליכען פלאַם.
און וועט ניט צושטערט ווערען פון קיין שום שטורעם,
זאָ לאַנג עס וועט זיין נאָר דער יום הכפורים.

.2

כל נדרי־צייט אין גאָטעס הויז,
עס קלאַפּט דאָס הערץ ביי קליין און גרויס.
ווער וויים וואָס פאַר איין קוויטעל
ווערט אָנגע'חתמ'ט ? ווער ווייסט, ווער ?
עס ווייקט זיך אין דעם אידען'ס טרעהר,
דער טלית און דער קיטעל.
ער שיקט זיין תפלה דאָרט אַהין,
זיין ביטשריפט פאַר דעם יום הדין,
מיט יראה, מיט מורא.
ער בעט פיר זיך, פיר ווייב און קינד,
ער פיהלט : ער איז ניט ריין פון זינד,
און בעט זיין ליעבען בורא :
סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו. (רעפריין).

.3

אַ פאָלק וואָס איז צוזעעט, צושפּרייט,
אַ וואַנדער־פאָלק וואָס שטענדיג געהט,
אַן אַלטע, שוואַכע אומה.
אַ פאָלק וואָס יעדער איינער רייסט

פון איהם זיין לעבען און זיין גייסט,
און גיבען איהם קיין תקומה.
און דאָך פערמאָגט ער אידעאַל,
פעראייניגט איז דער גאַנצער כלל —
צו געהן אין גאָטעס בנין.
דאָרט גיסט ער אוים זיין וועה און שמערץ,
דאָרט עפענט זיך זיין אידיש הערץ,
און דאַווענט מיט אַ מנין:
סלח לנו, מחל לנו, כפּר לנו.

ר ע פ ר י י ן:

ס'איז יום הכפּורים,
דער לייכטענדער טהורעם,
דער וועגווייזער אידעלע'ס אין גלות־ים.
זיין שיף האַלב צובראָכען,
צו קיין ברעג דערקראָכען,
דאָך געהט עס אין ריכטונג פון געטליכען פלאַם.
און וועט ניט צושטערט ווערען פון קיין שום שטורעם,
זאָ לאַנג עס וועט זיין נאָר דער יום הכפּורים.

דאָס תהלים'ל *)

1.

פון דוד המלך דעם קריגער,
וואָס זוכען זיין גלייכען איז שווער,
פון מוטהיגסטען גבור און זיעגער,
געבליבען איז אונז אַ געוועהר.
דאָס איז ניט געגאָסען פון אײַזען,
און אויך ניט פון בליי, ניט פון שטאָהל,
דאָך קען עס גבורות פיעל ווייזען,
און וואונדער אוןווירקונג אָהן צאָהל.
דאָס האָט געשאַפט די קראַפט פון אַ זשעני,
דאָס איז אַ ביכעלע פול פּאָעזי,
דאָס תהלים'ל, די הימלישע מעלאָדי.

ר ע פ ר י י ן :

יא' דאָס תהלים'ל נעהם,
לייען און דיר ווערט אַזוי בעקוועם,
דו געפינסט דאָרט פערעלאַך,
טרייסט צו דיינע טרעהרעלאַך,
באַלזאַם צו דיין פיין און שמערץ.
ווערסט בעלעבט אויף דאָס נײַ,
אויפ'ן הערצען ווערט דיר ווידער פריי,
דוד האָט אויך פיעלע מאָל

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

אין זיין פריינד, דעם תהלים'ל,
אויסגערעדט זיין ביטער הערץ.

.2

דער איד האָט פערלאָרען זיין מלוכה,
צוזאַמען מיט זיין הייליג לאַנד,
אין גלות האָט ער קיין מנוחה,
און איז נאָר צו שפּאָט צו שאַנד.
דאָך פיהרט ער זיין קאַמפּף מיט בטחון,
און דולדעט און לעבט נאָך ביז היינט,
און וואונדערבאַר איז זיין נצחון,
אַנטקעגען זיין מעכטיגען פיינד.
דאָך וועלכע קראַפט האָלט אויף דעם שוואַכען איד ?
און וועלכע קראַפט מאַכט זיינע שונאים מיעד ?
דאָס תהלים'ל, דאָס הימלישע פיינע ליעד. (רעפריין).

.3

פון תהלים'ל זאָלסטו ניט שפּעטען,
אויך פריי, ראַדיקאַל ווען דו ביסט,
ווען דו קענסט ניט וויינען, ניט בעטען,
אה ! ווערסטו גלייך אַ פּעסימיסט.
און דריקט דיר אַמאָל צו דיין לאַגע,
פערלירסטו דיין אייגענעם קאָפּ,
קוים קוועלט דיר די מוטהלאָזע פּלאַגע,
זעלבסט האַקסטו דיין לעבען זיך אָפּ...
דער קעניג שאול ניט געלעבט וואָלט לאַנג,
זיין מרה שחורה האָט געהיילט דער קלאַנג
פון תהלים'ל, דער הימלישער גייסט געזאַנג. (רעפריין).

דאָס טלית׳ל *)

1.

דאָס טלית׳ל איז דאָס טהייערסטע זאַך,
וואָס געהערט צו דעם אידען,
יעדער איד האָט אין איהם האָפנונג אַ סך,
וואָס ברענגט אין זיין לעבען איהם פריעדען.

אַך ! טהייערער טלית, הערצליכער טרייסט,
פיעל תפלות הערסטו זיך אַיין.
פון אַלע ביטערע הערצער דו ווייסט,
פיהלסט גאַנץ גוט דעם אידען׳ס פיין.

ביסט אימער מיט דעם אידעלע,
פון זיין ברית אָן האָט ער דיך ;
אויך ווען מען גראָבט מיט דעם רידעלע,
וויקעלסטו איהם אַיין מיט זיך.

בעגלייטערין און גלויביגקייט,
דו ביסט דאָך מיין אייביגקייט.
ר ע פ ר י י ן :
דאָס טלית׳ל איז נאָר דאָס איינציגע קלייד,
פאַר דעם אידען אין זיין פרייד און לייד.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאדאר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק.
רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

פון זיין געבורטסטאָג ביז אין קבר
גערט עס מיט איהם מיט.
ווערט איבעראַל געיאָגט,
זיין לעבען איז געפּלאָגט,
אַלעס וואָס ער פערמאָגט,
נעהמט מען צו פון איד.
אַלעס, אַלעס, נאָר דעם טלית,
דאָס נעהמט מען ניט. ניין, ניין, ניין!

.2

ווען ס'איז מיר געוואָרען דרייצעהן יאָהר,
אָנגעטהאָן מיך אַ טלית,
ווי ווייניג איך האָב דאָן פערשטאַנען גאָר,
וואָר עס מיר טהייערער פון אַלעס.

כ'האָב אין מיין דרשה דאָן צוגעזאָגט:
האַלטען מיין טלית'ל ריין.
ליידער בין איך פון גלות געפּלאָגט,
אימער אין טרעהרען, געוויין.

אָנגעזאַפּט איז ער מיט מיין טרעהר,
טריקענט זיך קיין מאָל ניט אויס;
איהם איז אויך מיינע צרות שווער,
מיין פּיין, ווי זיין פּיין איז גרויס.

בעגלייטערין אין גלוביגקייט, א. ז. וו. (רעפריין).

אַ אידיש קינד *)

1.

פון רינגעלאַך אַ קייטעלע,
פון דור דורות אָן,
אַ לאַנגען יחוס־צעטעלע
האָט אונזער נאַציאָן.
אַ זעלטענע געשיכטעלע,
געשריעבען איז מיט בלוט,
וואָס גיט אייך א בעריכטעלע,
פון אידען'ס שטאָלץ און מוטה.

זיין לעבען, זיין שטרעבען, זיין עקזיסטענץ ביז היינט
זיין ריינקייט, זיין שעהנקייט, זיין שונא און זיין פריינד.
יא! אַ אידיש קינד, אַ אידיש קינד,
דערקענט איהר גיך, געשווינד.

ר ע פ ר י י ן:

ער מעג זיין איינער פון די גראַפען,
העלדיש טראָגען ריטער־וואַפען,
אָדער וואָהנען צווישען שקלאַפען,
וואו איהם טראָגט אַוועק דער גלות־ווינד.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאדאר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק. רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

דאָך זיין פיהרונג, זיין סבלנות,
זיין גוט הארץ, און זיין רחמנות,
זיינען געטליכע מתנות,
און דאָס בעזיצט אַ אידיש קינד.

2.

פון אונזער ליעבען בורא'לע
הויך פון הימעל'ס טראָהן,
אַן אוצר'ל אַ תורה'לע
האָט אונזער נאציאָן.
מיט איהר, זייט יאָהרען טויזענדע
שפּאַנט דער איד די וועלט,
דורך וועלדער, ים'ען ברויזענדע,
רעגען, היץ און קעלט.
געליטען, געשטריטען, קיין מאָל געוואָרען מיעד;
ערטראָגען די פּלאגען, און איז געבליבען איד.
יאַ! אַ אידיש קינד, א. ז. וו. (רעפריין).

3.

די ימים טובים אידישע,
אין שוהל מיט גאָטעס וואָרט,
ערהאַבענע, נגידישע
געדאַנקען זיינען דאָרט.
די תפלות מיט די טרעהרעלאַך,
גרייכען גאָטעס טהראָן;
אַזעלכע רייכע פּערעלאַך,
פערמאָגט גאָר קיין נאציאָן.
זיין פיהלען, זיין ציעלען, צו אַלעס וואָס איז שעהן;
זיין שטילע פאַמיליע, האָט דעם הימעל'ס חן.
יאַ!! אַ אידיש קינד, א. ז. וו. (רעפריין).

ויתן לך *)

.1

מיר זיינען, אַ גאָטעניו, ליעבער,
נאָך אַלץ דיינע קינדער אַצינדער,
דאָך ליידען מיר גראַדע דעריבער :
בעהאַנדעלסט אונז ווי קליינע קינדער.

דו שפּיעלסט זיך מיט אונז'רע געפיהלען,
דו שענקסט אונז אַ לאַנד, איין אַנטיק,
אַ שפּיעלצייג, זיך נאָר אָנצושפּיעלען,
און באַלד נעהמסטו זיך דאָס צוריק . . .

מיר ווילען, גרויסער הערר ,
קיין קינדער זיין מעהר ;
מענשען גרויסע זיין, איז אונזער צוועק !
פאַר זיך אַ בעל הבית,

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאָדאָר לאָהר, 286 גרענד סטריט, נויאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

און גיבסטו אונז עטוואָס,
נעהם עס, גאָטעניו, ניט אַוועק.

ר ע פ ר י י ן :

ויתן לך מטל השמים,
יצחק'ם ברכה זיי גאָט מקים ;
פעלדער, וועלדער, פרוכט און וויין,
זאָל ביים אידען תמיד זיין.
מאַך די שונאים פאַר אונז קניהען,
מאַך זיי, גאָטעניו, צו שאַנד,
און ירושלים, ציון,
זאָל זיין אונזער פאטערלאַנד.

2.

מיר האָבען צו דיר גרויס בטחון,
מיר גלויבען, דו טרייבסט קיין קאַטאָוועס ;
ערפיהל־זשע וואָס דו האָסט פערשפראָכען,
צו אונזערע הייליגע אבות.

געזאָגט האָסטו : גלייך ווי די שטערען,
וועט מעהרען זיך דאָס פאָלק ישראל ;
נאָר ליידער, עס מעהרען זיך טרעהרען,
עס האָגלט מיט שטיינער אָהן צאָהל.

מיר ווילען, גרויסער הערר,
קיין שטיינער ניט מעהר !
ראָם די שטיינער אָפּ פון אונזער וועג !
מיר וועלען דיר זיין טריי,
נאָר מאַך אונז ווידער פריי,
גיב אונז, גאָטעניו, גוטע טעג. (רעפריין).

אידעלע, פערגעס ניט ווער דו ביסט

1.

א לעהרער פון מוזיק, דאָס איז דער איד,
זיין נאָטען־בוך טראָגט ער אַרום ;
גאַנץ אַנגענעהם הערט מען זיך צו זיין ליעד,
דאָך ער איז פערהאַסט אומעדום.
ער שפּיעלט אויף זיין פידעלע שעהן,
די טענער, ווי גאָלד זיינען ריין,
און ער מיינט מען הערט זיך איין,
איהם בעלוינען וועט מען פיין,
פאַר זיין לעהרע, פאַר זיין שפּיעלען אַזוי זיס.
און די ענדע קומט אַרויס,
איבעראַל איהם נוצט מען אויס,
און מען שפּאָטעט און מען טרעט איהם מיט די פיס.

דאָך, דו אידישער לעהרער,
גרויסער קונסט־פערהערער,
ס'וועט ווערען ליכטיגער, קלעהרער.

רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

רעפריין:

אין דיין בוך די נאָטען ריכטיג היט,
פעהלען אַ פינטעלע זאָל דאָרטען ניט.
אימער שפּיעל,
מיט געפיהל,
וויים אַז דו ביסט אַ סאָליסט.
דיך אויסערוועהלט האָט נאָר גאָט אַליין,
שווער איז די גוים אַזאַ זאַך פערשטעהן,
אָבער דו מיין אידעלע,
פערגעס ניט ווער דו ביסט — אַ סאָליסט.

.2

דער איד האָט מיט זיינע געזאַנג־מוזיק,
די וועלט איבעראַל אונטעררינכט,
זיין אייביגעס שטרעבען, זיין גאַנצעס גליק,
איז נאָר צו פערשפּרייטען ליכט.
אין יעדען לאַנד זעהט ער נאָר,
יעדער זאָל זינגען אין כאָהר,
נאָך די גרויסע האַרמאָני,
פון משה רבינו.
וואָס איהם האָט געלערענט אונזער ליעבער גאָט.
נאָר די גוים, אָך און וועה,
פאַלשע טענער נעהמען זיי,
פון זיין גייסט, פון זיין געפיהל, מען לאַכט, מען שפּאָט.

דאָך דו אידישער לעהרער, א. ז. וו. (רעפריין).

.3

דער איד האָט געזונגען, געשפּיעלט אמאָל,
ער איז געװען גרױס און בעריהמט.
אַ כאָהר פון לױם אין ארץ ישראל,
װי הערליך, אַך ! האָט עס געשטימט.
יעצט האָט זיין שטימע קײן קלאַנג.
הײזעריג איז זײן געזאַנג,
טרױעריג זײן ליעדעלע,
צובראָכען איז זײן פידעלע,
זײנע סטרונעס, אַך ! זײ־פּלאַצען־אײנציגװײז,
און פון װילדע, גראָבע הענד,
װערט זײן האָב, זײן גוטס פערלענדט,
אידען שלאָכט מען, און דאָס איז שױן אַלטע נײעס.

דאָך דו אידישער לעהרער, א. ז. װ. (רעפּרײן).

די הייליגע מאָמענטען *)

.1

מיט יראה, מיט מורא,
דער איד שטעהט אין שיהל,
צו קריאת התורה,
מיט עהרפורכט געפיהל.
דער חזן פון בימה,
הויבט אויף הויך זיין קלאַנג,
עס דאָנערט זיין שטימע,
איין אויפרוף געזאַנג.
שמע ישראל !
הער צו מיין איד !
איך זינג יעצט פיר דיר,
דאָס ערהאַבענסטע ליעד.
דער איד הערט זיך אַיין,
שטעהט שטיל אויף זיין אָרט,
עס שעפּטשען די ליפּען
איין הייליגעס וואָרט.
ר ע פ ר י י ן : •
מען האַלט ביים אויסנעהמען,
מען האַלט ביים אויסנעהמען,
יעדער מענש ביי זיך דאַרף קליין זיין,

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאָדאָר לאָהר, 286 גרענד סטריט, נויאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

די נשמה מוז דאַן ריין זיין,
ווייל מען דאַרף דאָך נושא חן זיין,
ווייל מען דאַרף דאָך נושא חן זיין.

און פאַר װעמען,
ווייסט פאַר װעמען !
ס'איז קיין שפּיעל, קיין קליינינקייט,
אידען, ברידער, ערנסט זייט,
ווען עס קומט נאָר דיזע צייט
מען האַלט ביים אויסנעהמען.

2.

עס שפּירט שוין דער חולה,
ס'איז נאָהנט די צייט ;
באַלד, באַלד וועט זיין זעעלע
אַוועקפליהען ווייט.

רופט ער זיין פאַמיליע,
און זעגענט זיך אָפּ,
ער מורמעלט אַ תּפלה,
און הויבט אויף זיין קאָפּ.

אַ צואָה, יאַ, יאַ,
גיט טינט מיט פּאַפּיער,
דעם רב רופט, ער זאָל
זאָגען וידוי מיט מיר.
דער רב קומט צוגעהן,
פערנעהמט שטיל זיין אָרט,
ער זאָגט, און דער קראַנקער
זאָגט נאָך, וואָרט ביי וואָרט. (רעפריין).

די אידישע פרוי

1.

די אידישע פרוי איז אַ מוסטער מאָדעל,
אין אונשולד, אין טרייהייט, אין צניעות ;
אויף איהר אויסגעגאָסען איז אַ גאָטעס געמעדעל,
איהר שטילקייט, איהר כשרות, אַ חיות.

הייליג איז איינער איהר, דעם האָט זי ליעב,
אייביג בלייבט זי איהם אַ פריינד ;
היינט איהרע ווירטהשאַפט, איהר פרידליכע שטוב,
אין יעדען ווינקעלע שיינט.

לייקענען קען דאָס קיינער ניט,
זאָגאר דער גרעסטער אַנטיסעמיט.

ר ע פ ר י י ן :

די אידישע פרוי,
ווי דער מאָרגען טוי,
ווי דער הימעל ריין,
פול מיט גאָטעס חן.

רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

זי איז די מוטער פון אונזער נאציאָן,
נאָר איהר געהערט דער אויבען אָן.
איהר נאָר שעצען,
איהר נאָר ליעבען,
דאָס האָט שלמה
אָנגעשריבען,
שלמה, מלך פון ישראל,
אין זיין אשת חיל.

.2

די אידישע פרוי מעג שטאָלצירען מיט רעכט,
מיט איהרע גאַנץ אַלטע שוועסטער ;
פּאָעטן׳, פּראָפּעט׳ן פון פרויען-געשלעכט,
ווי מרים, יהודית און אסתר.

די זינגט אַ שירה, אַ געטליכעס ליעד,
און די געהט אין שלאַכט ווי אַ מאַן ;
די ברענגט ישועות, נחמות דעם איד,
און די ברענגט דעם קאָפּ פון אַ טיראן.

לייקענען קען דאָס קיינער ניט, א. ז. וו. (רעפריין).

דאָס אמת׳ע אידישע הערץ *)

1.

ביסט מיין פאָלק מיר ליעב און טהייער,
טהייער ווי מיין לעבען מיר ;
כ׳וואָלט אין וואַסער און אין פייער,
אויך געפלויגען צוליעב דיר.

האָסטו וועהטאָג, פיהלסטו שמערצען,
פיהל איך, לייד איך גלייך ווי דו ;
און עס בלוטעט דאָ אין הערצען,
און עס גיט מיר שוין קיין רוה.
מיט דיינע חסרונות,
מיט דיינע עונות,
ביסטו מיר טהייער, ביסטו מיר ליעב.
זאָל זיין אין מיין רעיון,
ווי דיך צו בעפרייען,
אָפּפער איך אַלעס, מיין לעבען איך גיב.
כ׳ווייס ניט פאַר וואָס, כ׳ווייס ניט פאַר ווען,
גליקליך נאָר וויל איך דיר זעהן.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן :

ניט אין די קליידער, אין פאות, אין באָרד,
ליעגט מיין פאָלק, דער איד.
זוך אין די הערצער, געפינען וועסטו דאָרט,
טיעף אַ פינקעלע גליהט.
און דאָס פינקעלע ווערט באַלד צוברענט,
מיט דעם אידען'ס קלענסטען שמערץ,
אוי! דאָס איז אַנערקענט און עס ווערט גענענט
דאָס אמת'ע אידישע הערץ.

2.

ווען איך זעה, מיין פאָלק דיך ליידען,
טריפט ווי וואַסער מיר מיין בלוט ;
כ'וואָלט פאַר דיר געלאָזט זיך שניידען
גליעדערווייז, מיט פעסטען מוטה !

כ'זעה מען קוילעט דיינע קינדער,
כ'זעה מען רויבט, מען ברענט דיין הויז ;
דיינע קוואַלען מאַכען לינדער,
וואָלט קיין אָפּפער מיר זיין גרויס.
דער גרויזאַמער גלות,
דיין פיין און יללות,
צוברעכט מיר שרעקליך, איך בין פערביי !
איך וואָלט אויך מיין לעבען,
מיט פרייד אָבגעגעבען,
דו נאַר, מיין פאָלק, זאָלסט פון צרות זיין פריי.

איך ווייס ניט פאַר וואָס, א. ז. וו. (רעפריין).

דאָס דעפּעשעלע

1.

אין גאָטעס הויז, אין ארון הקדש די תורה,
דאָס איז איין טעלעגראַפנער אַפּאַראַט,
אַזאַ מין מאַשינקעלע האָט אויך דער בורא,
וואָס ענפערט דעם אידען ווען ער פרעגט אַ ראַטה.

מען פּייניגט, מען רויבט, מען פערברענט איהם זיין הייזעל,
מען רייסט איהם זיין ביסען, מען שטערט איהם זיין שלאָף,
נון לויפט ער פערצווייפעלט אין זיין הייליג קלייזעל,
און שיקט גלייך צו גאָט אַ דעפּעשעלע אַראָף:

תקיעה, שברים תרועה, תקיעה גדולה!

ר ע פ ר י י ן:
אויף דעם דעפּעשעלע,
שיק איהם גאָט איין ענפער צו.
אַ בשורה טובה, גאָטעניו!
אַז ער זאָל שוין האָבען רוה.

רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

די שונאים אויף צו להכעיס, שטיץ איהם,
פון די הינד בעשיטץ איהם.
מיעד, זעהר מיעד,
איז דער שוואַכער איד.

.2

עס זיינען פיעל פעלקער שוין אונטערגעגאַנגען,
די זעלבע אויך האָבען דעם אידען געדריקט;
די טויזענדע המן'ס האָט מען געהאַנגען,
ווען מרדכי האָט נאָר אַ דעפעשעלע געשיקט.

עס ליידעט דער איד פאַר זיין תורה, זיין גלויבען,
און דאָך איז איהם ליעב אַזאַ לייד, אַזאַ שטראָף;
ער וויים אַז עס דרעהט זיך אַ רעדעלע אויבען,
ווען ער שיקט צו גאָט אַ דעפעשעלע אַראָף . . .

תקיעה, א. ז. וו. (רעפריין).

.3

מיר וועלען דעם שופר של משיח דערלעבען,
דאָס האָט דער בורא פערשפּראָכען דעם איד;
אונזער לאַנד, ציון, אויף אייביג אונז געבען,
און פרעהליך און הערליך וועט זיין אונזער ליעד.

אַ ליעד וואָס וועט קלינגען פול זיעג, פול נצחון!
פון אַלע גזירות וועט נעהמען אַ סוף!
מיר דאַרפען נאָר האָבען צו גאָט דעם בטחון,
און שיקען צו איהם אָפט אַ דעפעשעלע אַראָף.

תקיעה, א. ז. וו. (רעפריין).

די סדר־נאַכט *)

.1

קשיות גאַנץ אַנדערע פרעג איך היינט :
מה נשתנה ? וואו איז דאָס רעכט ?
זאָגט, וואָרום האָט מען דעם אידען פיינט ?
איז ער דען ווירקליך שלעכט ?

קאָסט איהם זיין פאַטערלאַנד דען קיין בלוט ?
איז ער דען קיין פּאַטריאָט ?
וואָרום איז ער אונטער דעם יאָך פון קנוט ?
וואָרום שווייגט דער אידישער גאָט ?

זאָרגט ער דען ניט פיר זיין קינד, זיין ווייב ?
פיהלט ער קיין וועהטאָג, קיין שמערץ ?
טהוט איהם ניט וועה ווען מען שניידט זיין לייב ?
קלאַפּט דען אין איהם ניט קיין הערץ ?

דער תירוץ איז קלאָהר,
דער זעלבער ווי בעפאָר :
קנעכט זיינען מיר אויך היינט נאָר.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאָדאָר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק. רעקארד פיר פאָנאָראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן :

דאָך אידעלע ניט האָב קיין מורא,
פאַר די פרעה׳ס פון דער צייט,
וועסט פון זיי אויך ווערען בעפרייט.
רעכענען ווערט זיך דיין בורא,
מיט יעדען אַנטיסעמיט,
ווייל אתה בחרתנו ביסטו דאָך איד.

2.

וואו זיינען די פראָגרעסיווע לייט ?
וואָס האָט די בילדונג געמאַכט פון זיי ?
זאָגט, וואָרום שטעהען זיי אָן דער זייט ?
פיהלען ניט דעם אידען׳ס וועה.

אין דיזער צייט נאָך עלילות דם,
אַז דער איד דאַרף בלוט פון קריסט,
פאַרגאָסען איז אידישעס בלוט שוין אַ ים,
מען פלאגט איהם כמעט פאַר אומזיסט.

דאָרט מאַכט מען פּאָגראָמען, זיין גוטס מען רויבט,
צערשמעטערט ווערט דעם אידען׳ס נעסט,
נאָך ווערען די שלעגער געשעצט און געלויבט,
פאַר וואָס הערט מען קיין פראָטעסט ?

דער תירוץ איז קלאָהר, א. ז. וו. (רעפריין).

די צוויי דורות *)

1.

ד ע ר א ַ ל ט ע ר ד ו ר .

אין גאָטעס גרויסע, הערליך־שעהנע וועלט,
וואו מיליאָרדען שטערען שיינען פיין,
קומט דער מילב, דער מענש, און איז אַ העלד!
און ער וויל אַ גאַנצער מאַכער זיין.
וואָס ער זעהט נור איז איהם ניט געפעלען,
אַ דעה וואָלט ער אויף אַלץ געזאָגט,
מען קען איהם מיט קיין זאַך צופרידען שטעלען,
גאָט אַליין וואָלט ער אויך אָנגעקלאָגט.
ער שפּאַנט און ער פּלאַנט,
און ער טראַכט און ער מאַכט
זיך אַליין פאַר אַ בעל הבית;
ער ברענט און פערלענט,
און ער ברעכט און ער שטעכט,
פרעג ביי איהם, וויים ער ניט פאַר וואָס.
ער כאַפּט און לאַפּט אויף גיך,
און זעהט ניט הינטער זיך,
וואָס עס ווערט פון זיין גליק,
ווען מען רופט איהם צוריק . . . צוריק! צוריק!

ר ע פ ר י י ן :

אוי! מענשעלע, זיי ניט צופיעל חכם,

*) מוזיק צו דיעזע ליעד ביי א. גאָלדבערג, 398 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

וואָס נאַר צופיעל, איז אַ געפאַהר;
מען חכמה'ט זיך, און נאָך די אַלע דרכים,
אוי! שטאַרבען שטאַרבט מען דאָך אַ נאַר.

2.

דער יונגער דור.

אָך ווי קינדערש זיינען איהר אַלטע לייט,
אימער צו קאַפּריזנע, איינגעשפּאַרט;
דער פּראָגרעס, דער פאָרשריט איז שוין ווייט,
און איהר אַלטע, זייט נאָך אַלץ פאַרנאַרט.
איהר האַלט זיך ביים אלף בית פון חדר,
כאָטש איהר זייט פון חדר לאַנג אַרויס;
זומער ווילט איהר טראָגען ווינטער־קליידער,
און האָט פּעראיבעל ווען מען לאַכט אייך אויס.
ניט שרייט און ניט שטרייט,
און ניט קלאָגט און ניט זאָגט
אַז דער יונגער דור איז נאַריש, שלעכט;
ער לעבט און ער שטרעבט,
און ער שאַפט מיט זיין קראַפט,
אַלעס וואָס איז ניצליך, פיין און רעכט.
דער פּראָגרעס ווערט העכער געהן,
אויך מיר וועלען לאַנג ניט שטעהן,
ס'לויפט אַוועק די פאַר יאָהר,
און רעספּעקט פאַר'ן יונגען דור! פאַר דעם יונגען דור.

רעפריין:

אַלטעטשקער, זיי ניט צופיעל חכם,
וואָס נאַר צופיעל איז אַ געפאַהר;
מען חכמה'ט זיך און נאָך די אַלע דרכים,
אוי! שטאַרבען שטאַרבט מען דאָך אַ נאַר...

אַל תשליכנו *)

.1

דעם מענשען'ס ציעל,
איז לעבען פיעל,
אויף יאָהרען אַ סך וואַרפט ער זיין בליק.
קוים ווערט ער אַלט,
דערפיהלט ער באַלד,
אַז דיזער וואונש איז ניט אַזאַ גליק.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם שטאַרבט אַלעס אָפּ,
ס'ווערען שוואַך אין דיר די גליעדער ;
ביסט שוין, אַלטער, פון מאַרק אַראָפּ,
דיין יוגענד קומט צוריק ניט ווידער.

די אויגען זיינען מיט נעבעל פערשטעלט,
קיין עסען קען מען ניט פערדייהען ;
אַ צובראָכענער שאַרבען, אַ לאַסט פאַר זיך, פאַר
דער וועלט,
וואָס נאָר דער טויט קען דאָס בעפרייען.

דאָך כל זמן מען לעבט — איז שיידען זיך שווער,
און דאָס איז די איינציגע תפלה,
דעם אַלטען'ס באַגעהר :

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי א. טעררעס, 88 דעלענסי סט., ניו יאָרק
רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן :
אַל תשליכני,
פערוואַרף מיך ניט, גאָטעניו ליעבער,
אין מיין גראָהען אַלטער,
לאָז מיך אויף הפקר ניט איבער.

מאַך איך זאָל אַצינדער,
ניט אָנקומען דאַרפען צו קינדער,
ככלות כחנו אַל תעזבנו.

2.

דער אַלטער מאַן,
זיין יעדער שפּאַן,
זיין יעדער טריט ווערט אויסגעלאַכט ;
דער יונגער דור,
מאַכט חוזק גאָר,
דעם אַלטען'ס וואָרט ווערט זעלטען געאַכט.

זיינע קינדער געמאַכט פאַר לייט,
מיט לייב און זעעל, מיט שפיכות דמים ;
יעצט געקומען איז זייער צייט,
און זיי, אַך ! זיינען די חכמים.

די צייט ווען ער האָט גוטעס געבראַכט,
געוועזן איז ער אַ גוטער פאָטער ;
יעצט טרייבט מען דעם אַלטען, און יעדער אין האַרצען טראַכט :
אַך, ווי ווערט מען זיינער פּטור.

דאָך כל זמן מען לעבט, א. ז. וו. (רעפריין).

אַ בריוועלע צו גאָט *)

1.

די גאָט פון אברהם, יצחק, יעקב,
וואָס האָבען די ערשטע דיך ערקענט,
וואָס דו ביסט דורך זיי יעצט אַ תקיף,
און גאַנגבאַר איז דיין טעסטאַמענט.

אין וועלכען דו זאָגסט, דו וועסט שענקען,
די אייניקלאַך זייערע אַ לאַנד,
און דאָך זייט מיר קענען געדענקען,
נאָך זיינען מיר צו שפּאָט און צו שאַנד.

ס'איז הייליג דיין וואָרט,
דאָך גאָטעניו, פאַרט,
וויפיעל איז וואַרטען דער שיעור ?
מיר ווערען געפּלאָגט,
געטריבען, געיאָגט,
און האַלטען אין איין רופען דיר.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויארק.
רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

רעפריין:

אין דיינע הענד, גאָט, ליגט אונזער גליק,
ברענג־זשע אונז אַהיים צוריק;
דאָרט וואו מילך און האָניג גיסט,
און וואו דער ירדן פליסט.
וואו דעם נביא'ס וואָרט האָט געקלונגען,
וואו די לוים האָבען געזונגען,
דאָרט אַהין, גאָט, ברענג דאָך ווי אַמאָל,
דיין אויסערוועהלט געפלאַגטע פאָלק ישראל.

2.

מיר זיינען דאָס די אויסערוועהלטע
דער אתה בחרתנו, דער פער,
מיט בראנד־וואונדען ניט אויסגעהיילטע,
יאָהר־טויזענדער טריפענדער טרעהר.

די וועלט שעפט פון אונזערע ביכער,
מיר גיבען דער מענשהייט אַ גאָט,
אַליין מיט'ן לעבען ניט זיכער,
און איבעראַל צו שאַנד און שפּאָט.

דאָרט אַ פּאַגראָם,
דאָ עלילות דם,
טיראַנישע גזירות אָהן שיעור;
אוי! גאָטעניו, מיעד
איז דער שוואַכער איד,
וואָס האַלט אין איין רופען צו דיר! (רעפריין).

אַ בריוועלע דער מאַמען *)

1.

מיין קינד, מיין טרייסט, דו פאָהרסט אוועק,
זעה זיי אַ זוהן אַ גוטער ;
דיך בעט מיט טרעהרען און מיט שרעק.
דיין טרייע ליעבע מוטער.

דו פאָהרסט מיין קינד, מיין איינציג קינד,
אַריבער ווייטע ים'ען,
אַך ! קום אַהין נאָר פריש געזונד,
און ניט פערגעס דיין מאַמען . . .

יא. פאָהר געזונד און קום מיט גליק,
זעה יעדער וואָך אַ בריוועל שיק,
דיין מאַמעס האַרץ, מיין קינד, דערקוויק.

ר ע פ ר י י ן :
אַ בריוועלע דער מאַמען,
זאָלסטו ניט פערזאַמען ;
שרייב געשווינד,

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאדאר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק. רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

ליעבעם קינד,
שענק איהר די נחמה.
די מאַמע וועט דיין בריוועלע לעזען,
און זי ווערט געגעזען. או
היילסט איהר שמערץ,
איהר ביטער הערץ,
ערקוויקסט איהר די נשמה.

.2

דאָס אַכטע יאָהר איך בין אַליין,
מיין קינד איז ווייט פערשוואומען ;
זיין קינדערש האַרץ איז האַרט ווי שטיין,
קיין איינציג וואָרט בעקומען.

ווי קען מיין קינד גאָר האָבען מוטה,
ווי געהט איהם אַיין זיין לעבען ?
עס מוז איהם געהן דאָרט זעהר גוט ;
הלואי ! זאָל גאָט איהם געבען.

כ'האָב איהם געשיקט אַ הונדערט בריעף,
און ער האָט נאָך קיין שום בעגריעף,
אַז מיינע וואונדען זיינען טיעף. (רעפריין).

.3

אין שטאָדט נויאָרק, אַ רייכע הויז,
מיט הערצער אָהן רחמנות,
דאָרט וואָהנט איהר זוהן — ער לעבט גאָר גרויס,

מיט געטליכע מתנות ;
אַ שעהנע פרוי און קינדער צוויי,
מיט ליכטיגע געשטאַלטען,
און ווי ער זיצט און קוועלט פון זיי,
האָט ער אַ בריעף ערהאַלטען.

דיין מוטער טויט, עס איז געשעהן,
אין לעבען האָסטו איהר פערזעהן,
דאָס איז איהר לעצטער וואונש געווען :

רעפריין :
אַ קדיש'ל דער מאַמען,
זאָלסטו ניט פערזאַמען,
זאָג געשווינד,
ליעבעס קינד,
שענק איהר די נחמה,
די מאַמע וועט איהר קדיש'ל הערען,
אין איהר קבר גערען,
היילסט איהר שמערץ,
איהר ביטער הערץ,
ערקוויקסט איהר די נשמה . . .

אַ בריוועלע דעם טאַטען *)

.1

איך קען דיך קינד, ניט צווינגען מעהר,
אין אָרימקייט מיט מיר צו בלייבען,
זאָל זיין מיט גליק, נור שווער מיר שווער,
אַ בריוועלע דעם טאַטען שרייבען.

דיין מוטער האָט דער טויט גערויבט,
מיין בעסטען פריינד פון מיר ענטריסען!
האָב איך, מיין קינד, אין דיר געגלויבט,
דו וועסט מיין לעבען מיר פערזיסען.

צום סוף בלייב איך, מיין קינד, אַליין
ווי מיך געבוירען וואָלט אַ שטיין,
מיין איינציג טרייסט, אויך דו מוזט געהן . . .

ר ע פ ר י י ן :

אוי!
אַ בריוועלע דעם טאַטען זאָלסטו שרייבען.
יעדע וואָך אַ בייגעלע פאַפּיער,
דאָס וועט מיר מיין איינזאַמקייט צוטרייבען,
עלענד בין איך, קינדעלע, אָהן דיר.

מיינע ברכות זאָלסטו מיט זיך פיהרען,
גרייך די העכסטע שטופע פון פראָגרעס.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויארק. רעקארד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

דאָך ווי און וואָס מיט דיר וועט דאָרט פּאַסירען
א בריוועלע דעם טאַטען ניט פערגעס.

.2

דער זוהן געהאַלטען האָט זיין וואָרט,
מיט געלד געשטיצט איהם, בריעף געשריבען ;
א שיפסקאַרד אויך געשיקט פון דאָרט,
יעצט פאָהרט ער צו זיין זוהן דעם ליעבען.

פון עלענד זיין, באַלד נעהמט אַן עק,
דער אַלטער פיהלט זיך העכסט צופריעדען ;
און ער דערצעהלט אין צווישען־דעק,
זיין שמחה דאָרט, פאַר אַלע אידען.

פערניכטעט זיינען מיינע לייד,
איך פאָהר צו מיין ליעב קינד מיט פרייד,
עס האָט געווירקט דעם טאַטען'ס רייד (רעפריין).

.3

אין עלים אײלאַנד פעראורטהיילט איז
דער אַלטער מאַן צוריק צום שיקען ;
איהם פעהלט די קראַפט צו זיין א ריעז,
דערפאַר איז אוים מיט זיינע גליקען.

מען לאָזט זיין קינד צו איהם ניט צו,
די הערצער בלוטען ביי זייביידען ;
עס העלפט קיין טרעהרען, קיין שום מיה,
אויף אייביג מוזען זיי זיך שיידען.
דעם אַלטען'ס בראָך איז שרעקליך גרוים,
דאָס פרייע לאַנד טרייבט איהם אַרוים,
און פון די גראַטעס שרייט ער אוים. (רעגיין).

יתומ'ל, יתומה'לע *)

1.

זילבער, גאָלד, דאָס זיינען ערד,
די בריליאנטען זיינען שטיינער ;
אָבצושאַטצען זייער ווערטה —
קען כמעט אַ יעדער איינער.

אָבער ווער ? אַך ! זאָגט מיר, ווער ?
קען אַ מאַמעס ווערטה גאָר שאַטצען ?
אָרעם איז דער מיליאָנער,
איינזאַם, עלענד אין פּאַלאַטצען.

אויב דו האָסט פערלאָרען געלד,
קענסטו געלד נאָך ווידער שפּאָרען ;
אָבער ווען דיין מאַמע פעהלט,
האָסטו אייביג איהר פערלאָרען.

מעגסט די גאַנצע וועלט אויסלויפען,
ניין ! דו קענסט ניט פאַר קיין אופן !
פאַר קיין געלד אַ מאַמען קויפען.

*) מוזיק צו דיעזע ליעד ביי א. גאָלדבערג, 398 גרענד סטריט, ניו יאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן :

יתום'ל, יתומה'לע,
דיך האָט מען פון בוימעלע
אָבגעריסען, ווען דו האָסט געבליהט ;
עלענד, שוואַכע צווייגעלע,
שטיל זיי, מאַך א שווייגעלע,
האָסט קיין מאַמען, האָסטו קיינעם ניט.

.2

קען א מאַמען מאַכען מיעד
גאַנצע נעכט דאָס קינד צו וויגען ?
זיצט זיך איינזאַם, זינגט א ליעד,
מיט אַן אומעדיגען ניגון.

ווערט דאָס קינד חלילה קראַנק,
וויל די מאַמע בעסער ליידען ;
מיר פאַר דיר ! איז איהר געדאַנק,
וואָלט איהר פלייש געלאָזט זיך שניידען.

צערטליך דריקט זי דיך צום ברוסט,
מורמעלט שטיל, זאָלסט לאַנג געוועהרען ;
בעט ביי גאָט און דיך זי קוסט
און עס פאַלען הייסע טרעהרען.

מעגסט די גאַנצע וועלט אויסלויפען, א. ז. וו. (רעפריין).

די בלומענקרענצע *)

1.

עס איז אַ חתונה. מען געהט, מען פליהט,
קאַרעטען, מחותנים פעהלען ניט ;
עס שפּיעלען מוזיקאַנטען, אויסגעפּוצטע פראַנטען,
מיט די יונגע שעהנע דאַמען, טאַנצען זיך צוזאַמען.

און דער חתן שטראַהלט פאַר גליק און פרייד,
די כלה, פרעכטיג שיינט אין חופּה־קלייד,
עס רינגלען זיי אַרום, פריינד פון אומעדום,
מיט אַ ליעבליך בליק, ווינשט זיי יעדער גליק.

דאַן מאַכט מען אַ פּאַראַד, חתן־כלה׳ם צד.

ר ע פ ר י י ן :

דאַן שענקט מען זיי אַ בלומען קרענצעלע,
און מען געהט אַ רעכטען טענצעלע,
די בלומען דופטען פיין, אָבער קען גאַר זיין,
חתן כלה פיהלען שמערץ און פיין.
די בלומענקרענצע ניט לאַנג בליהען זיי,
די פריינדע, איינציגווייז צופליהען זיי,

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאדאר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק.
רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

ס'איז אַראָפּ דער גלאַנץ,
שוין, ס'איז נאָכ'ן טאַנץ,
ריטלאַך איז געבליבען פון דעם בלומענקראַנץ.

.2

איין עהרענאבענד האָט דער קינסטלער היינט,
קאַרעטען, עקיפּאַזשען פול מיט פריינד,
דאָס קומען מענשען גערען, דעם קינסטלער צו בעעהרען,
ווער מיט בלומען, ווער פּרעזענטען, אַפּלאָדיסמענטען.

דער אַקטיאָר גיט אָפּ זיין גאַנצע קראַפט,
און כאָטש ער איז שוין אַלט, דאָך נייעס ער שאַפט,
מיט קונסט ער איז בעגליקט, דאָס פּובליקום ענציקט,
זייער גענוס איז זיס, זיי שרייען בראַוואָ, בים.

פיעל מאָל רופט מען איהם אַרויס,
זיין סאַקסעס איז גרויס

ר ע פ ר י י ן :

דאַן ברענגט מען איהם אַ לאָרבערקרענצעלע,
פאַר זיין שפּיעל, זיין זינג, זיין טענצעלע,
דער כבוד איז גאָר פיין, אָבער קען גאָר זיין,
דער אַקטיאָר זאָל פיהלען שמערץ און פּיין.
די בלומענקרענצע, ניט לאַנג בליהען זיי,
די פריינדע איינציגווייז צופליהען זיי,
קוים אַראָפּ דער גלאַנץ, שוין ס'איז נאָך'ן טאַנץ,
ריטלאַך איז געבליבען פון דעם בלומענקראַנץ.

.3

דער טויט האָט אָבגעשפּיעלט זיין טאָדעס־שפּיעל,
קאַרעטען עקיפּאַזשען קומען פּיעל,
אַ מאַן איז דאָ געשטאָרבען,
וואָס האָט גוטס ערוואָרבען,
מיט אַ נאָמען אַ געלעהרטער, און אַ הויך געעהרטער.

זיין לעצטע עהרע געבען קומט מען היינט,
עס האָבען זיך פערזאַמעלט פּיעלע פריינד.
טהיילען צדקה־געלד, געהען אויפ'ן פעלד,
ס'איז דער אָבשיעד שווער, און עס פאַלט אַ טרעהר.
צור רוהע איהם געבראַכט, אַ מלא איהם געמאַכט.

רעפריין:

מען לאָזט ביים גראַב אַ בלומענקרענצעלע,
ווייל עס איז זיין לעצטער טענצעלע . . .
ווי דער פּאַראַד זאָל זיין,
מען לעגט אין דר'ערד אַריין,
און אַ יעדענס האַרץ פילט שמערץ און פּיין
די בלומענקרענצע ניט לאַנג בליהען זיי,
די פריינדע, איינציגווייז צופליהען זיי,
ס'איז אַראָפּ דער גלאַנץ,
שוין, ס'איז נאָכ'ן טאַנץ,
ריטלאַך איז געבליבען פון דעם בלומענקראַנץ.

דער נאַסער קבר *)

1.

אַך, טרויערט,
בעדויערט,
דעם גרוסען פרישען בראָך ;
זאָלען טרעהרען,
זיך מעהרען,
און פליסען נאָך און נאָך.

זאָלען וויינען רייך און אָרים,
ניט זשאַלעווען קיין טרעהר,
אויף די טיעפע, נאַסע קברים,
פון שוידערליכען מעער.

דעם ים איז יעצט געלונגען,
זיין ווילדע טייפעל־שפיעל ;
זיין אָבגרונד האָט פערשלונגען,
קרבנות, לעבענס פיעל.
ער האָט געצייגט זיין קראַפט,
אָך ! שרעקליך, שוידערהאַפט.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויאָרק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן :

מענש, מעגסט אמבעסטען,
שארפען דיין מח,
קענסט זיך ניט מעסטען,
מיט דעם ים'ס כח.

מעגסט זיך ווי קליגען,
ער איז דיר גובר ;
אט מוזטו ליגען,
אין זיין נאסען קבר.

2.

די פריידען,
פון יעדען,
וואס איז אין שיף אריין.
אויף דיזען,
דעם ריזען,
א פאסאזשיר צו זיין.

טיטאניק וועט זיי פיהרען,
קיין שפאס ! עס איז א גליק,
מען וועט זיך אמוזירען,
מיט טהעאטער, מיט מוזיק.

א רעגעלע קאמעדיע,
א לעבעדיגע וועלט ;
דאך איך אזא טראגעדיע,
האט זיך קיינער פארגעשטעלט.

דערטרונקען איז די פרייד,
געבליבען איז די לייד. (רעפריין).

.3

אַט שטעהען,
מיט וועהען,
די טויזענדע אין נויטה.
און ווייסען,
אַז שטויסען,
וועט זיי צום גרונד דער טויט.

אום איינגעזונקען ווערען,
גאָר אָהן איין אונטערשיעד,
קבצנים, מיליאָנעררען,
קיין אויסוואַהל — קריסט צו איד.

דער טויט קען גלייכהייט געבען,
אָה ! מענשעלע, בעקלעהר !
ווארום זאָל זיין אין לעבען,
אַ שקלאַפע און אַ הערר ?

שאַפט אָפּ די שלעכטס פון אייך,
ברענגט גוטס פאַר אַלעמען גלייך. (רעפריין).

עלים אַיילאַנד *)

1.

דער אָרימער איד, נעבאך, לויפט ווי פון פייער,
דערשלאָגען און שרעקליך פערווירט,
ער זוכט וואו איין אָרט, קענען אטהעמען פרייער,
זיין היים איז צובראָכען, רואינירט.

אַוועקגערויבט האָט מען זיין גאַנצעס פערמעגען,
געלאָזען אין עלענד, אין נויטה ;
אַ נייע היים זוכט ער, זיין קאָפּ וואו צו לעגען,
און וואו צו פערדיענען אויף ברויט.

ער זוכט צו בעשיטצען זיין אָרימעס לעבען,
און טרעהרען פערגיסט ער אַ טייך,
ער ווייס, אין אַמעריקא זיינען געגעבען
די רעכטע פיר אַלעמען גלייך.

מיט צרות דערשלאָגט ער זיך קוים צו דעם ברעג,
דאָ קומט עלים אַיילאַנד און גיט איהם אַ פרעג :
צו קענסטו אַ שפראך ? צו האָסטו אַ פאַך ?
צי ברענגסטו מיט זיך געלד אַ סך ?
דער איד ענטפערט : ניין. צוריק מוז ער געהן.

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויארק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א האוסטאָן סטס.

רעפריין:

אַה ! עלים אײלאַנד, דו גרענעץ פון פרײלאַנד,
װי גרױזאַם, װי שרעקליך דו ביסט !
אַזעלכע רציחות, דאַס קענען נאָר רוחות,
דו פלאַגסט די געפּלאַגטע אומזיסט.
מיט צרות געקומען, דעם ים קוים דערשװאומען,
די געטין דער פרײהײט דערזעהן.
דאָ קומט עלים אײלאַנד, דער גרענעץ פון פרײלאַנד,
און זאָגט האַלט ! דו קענסט װײטער ניט געהן!

2.

װי שװערע פערברעכער, מיט אײזערנע גראַטעס,
פערשלאָסען, פערצאַמט און בעװאַכט ;
פערצװײפעלטע שטעהען דאָרט מאַמעס און טאַטעס,
אַך ! פינסטער אַזוי װי די נאַכט.

זײ האָבען דאָ אײגענע, זיהן אָדער טעכטער,
װאָס װילען זײ נעהמען צו זיך,
און פרעגט אַ בעאַמטען, איז גראָב, מיט געלעכטער,
זײן אַנטװאָרט : אַה ! ניט אַזוי גיך.

מען האָט זײ פערהאַלטען, מען דאַרף זײ פערהערען,
מען שיקט זײ צוריק נאָך פיעלײכט . . .
דאָ װײנען די קינדער מיט ביטערע טרעהרען,
זײ מאַכען דעם באָדען דאָרט פײכט.

נאָך װאַשינגטאָן שרײבט מען, מען פאַלט פאַר'ן טשער.
לאָזט פרײ מיר מײן טאַטעניו ! גיט איהם אַהער !
נאָר אָט איז די זאַך,
מען רעדט ניט קײן סך,
ער איז פאַר דער לאַנד, לײדער, שװאַך.

און קוים זאָגט מען ניין,
צוריק מוז ער געהן. (רעפריין).

.3

עס וואונדערט אַז גראָד די פעראייניגטע שטאַאַטען,
אַ לאַנד פול מיט פרייהייט, מיט רעכט,
זאָל האָבען אויף זיך אַזאַ פלעק, אַזאַ שאָטען,
צו האַנדלען אַזוי גרויזאַם, שלעכט.

די גרויסע מדינה פון פערציג־אַכט שטערען,
דער בעסטער, דער פרייסטער טהייל וועלט,
זאָל האָבען אַ אינזעל, אַ טויער פון טרעהרען,
וואו מענשען מען פלאגט און מען קוועלט.
מען רייסט פון אַ מאַן אָב זיין פרוי, זיינע קינדער,

ווי גרינגהערציג ווערט עס געמאַכט,
גאָר גלייך ווי אַ הארץ וואָס ס'שניידט אוים דער שינדער
פון אָקס וואָס ניט לאַנג איז געשלאַכט.
ווייכט אוים דיזע טרעהרען, וואַשט אָפּ אייער פלעק,

מעקט אָפּ פון דעם אינזעל דעם שוידער און שרעק!
פריי עפענט די טיהר,
פאַר אָרעם און גביר,
מיט פריינדליכקייט זאָגען זאָלט איהר:

וועלקאָמען! מיט גליק!
אָה! שיקט ניט צוריק . . . (רעפריין).

מוטער'ס געבעט *)

.1

מאַמע ביי'ם וויגעלע,
זינגט זיך אַ ניגעלע,
„שלאָף קינדעלע, איך וועל בעוואַכען דיר.
שלאָף נשמה'לע,
ביסט מיין נחמה'לע,
וואַקסען און קוועלען,
גאָט, לייט געפעלען,
בליהען זאָלסטו ביי מיר.
גאָטעניו, האַרר! היט אָפּ פון צער,
קיין געפּאַהר זאָל געשעהן;
שענק עס מיר נאָר, אויף לאַנגע יאָהר,
אַ גוטען דור זאָל איך זעהן.
און אויב חלילה וואָס בייזעס בעשערט איז מיין קינד!
אַזוי זאָלסטו גאָטעניו גיך און געשווינד,
מיר פאַר זיין קעפּעלע ברענגען די לייד!
ער זאָל נאָר וויסען פון נחת און פרייד.
און אויב איך בין ווערטה, גאָט, נאָך דיזען פּרעזענט,
אַז איך זאָל דערלעבען, אָן דיר איז געווענט —
פיהרען מיין קינד צו דער חופּה! מיט מיינע הענד.

---

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי די היברו פּאַבלישינג קאָ. 83 קאַנעל סט. נויאָרק.
רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן:

יא! יא! מאַמעס געבעט,
מאַמעס געבעט, מאַמעס אַ טרעהר,
קינדערלאַך, ווער? האָט עס געפיהלט?
קינדערלאַך, זאָגט, זאָגט ווער?
יא, יא, מאַמעס געבעט. א. ז. וו.

2.

ס'קינד מאַכט אַ חן'דעלע,
ס'צייגט זיך אַ ציינדעלע,
די מאַמע איז גליקליך אויף גאָטעס וועלט.
נאָר פּאָקעלאַך,
אָדער גאָר מאָזעלאַך,
וועה! איז דער מאַמען,
גיסט טרעהרען ים'ען,
שרעקליך איז זי געקוועלט.
וויינענד זי שטעהט, פריה און שפּעט,
מיט געבעט, וועה און ווינד.
צו גאָט דעם הערר, מיט אַ טרעהר,
איהר בעגעהר, איז איהר קינד.
ווער רעדט פון עסען, פון טרינקען, פון שלאָפען, פון רוה,
זי עסט ניט און מאַכט איהרע אויגען ניט צו,
זי שטעהט אַ פערשמאַכטע ביים קינד און זי וואַכט,
און טרעט גאָר ניט אָב אַזוי טאָג, אַזוי נאַכט.
די טרעהרען וואָס גיסען זיך איהר אָהן אַ סוף,
זיי גרייכען די הימלען און קומען אַראָף,
און מאַכען אַ שטורעם, ביז גאָט אַליין וואַכט זיך אָף

(רעפריין).

דער ערשטער חבר *)

1.

אײן הערליך שעהנעס בילד,
פון אַ גליקליכע פאַמיליע,
אַ פריעדליכע, אַ שטילע,
מיט קינדער צאַרט און מילד.

געוואוינט צו צערטליכקייט,
אַ מאַמע ליעב און טהייער,
אַ פאַטער אַ געטרייער,
אַ פרייד פאַר גאָט און לייט.

דאָ דרינגט אַריין דער טויט מיט שרעק,
און רייסט אַרוים און רויבט אַוועק —
די מאַמעניו, די גוטע פרוי, די ווירטהין.
דער קלאָג, דער בראָך איז שרעקליך גרויס,
צערשטערט, פערניכטעט, ווערט דאָס הויז,
די שעפעלאַך זיי בלייבען אָהן אַ הירטהין.
אַלעס געהט צו גרונד,
ס'איז גרויס די טראַגעדיע,
און פון אַ טיעפע וואונד
קומט דיעזע מעלאָדיע:

רעפריין:

ווען דער ערשטער חבר פעהלט,
ביטער, פינסטער איז די וועלט.

---

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאָדאָר לאָהר, 286 גרענד סטריט, נויאָרק.
רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ווערסט פיעלייכט דיין וועלט בעגייען,
געהן א צווייטען מאל דעם טאנץ,
ליידער ווערסטו דאס בערייהען,
ס'ווערט צוריק דיין הערץ ניט גאנץ.
ביטער, פינסטער איז די וועלט,
ווען דער ערשטער חבר פעהלט.

2.

איין שוידערהאפטעס בילד
פון א שטיעפמאמע מיט שפארען,
וואס קען דערגעהן די יאהרען,
וואס מסור'ט, שרייט און שילט.

מיט קללות אלערליי,
און שטענדיג די איין טענה :
די ווילדע קינדער דיינע,
ווי ווערט מען פריי פון זיי.

דעם פאטער איז אין צווייען שלעכט,
ער וויים ניט ווער דא איז גערעכט,
די יתומים, צי זיין ווייבעלע די נייע.
ער ווערט אין כעס, און שרייט און שלאגט,
עס ווערט געיאמערט און געקלאגט,
עס איז א היים, א הויז גאר א מחיה,

אלעס געהט צו גרונד, א. ז. וו. (רעפריין).

3.

איין שרעקליך טרויער בילד,
פון דעם שיקזאל'ס א איראניע,
א פינסטערע אלמנה,
אין דלות איינגעהילט ;

מיט קינדער היבש אין צאָהל,
וואָס האַלטען אין איין שרייען,
זיי ווילען נעבאַך קייען,
און ווערען ניט זאַט קיינמאָל.

דער גיהנום מיט זיין גרויזאַמקייט,
דאָס פיהלט די מאַמע אין דער צייט,
ווען זי זוכט ברויט די קינדער צו ערנעהרען,
איהר חבר איז אין קאַלטען גריב,
אויך איהר זיין דאָרט געווען וואַלט ליעב,
אום נאָר די קינדער'ס יאָמער ניט צו הערען.

אַלעס געהט צו גרונד, א. ז. וו. (רעפריין).

4.

איין עכט טראַגעדיש בילד:
ס'געהט אַן אַלטער איינגעבויגען,
מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען,
אין האַרץ אַ קאָנצערט שפּיעלט.

ער האָט פערזאָרגט זיך פיין,
פערהייראַטה זיינע קינדער,
און יעצט דער אַלטער בלינדער,
ער האָט ניט וואו צו זיין.

די שניר זיי מוזען זיין פון סדום,
די איידימס שיקען איהם אין אַ האָם,
די קינדער זיינע שטעהען פון דערווייטען,
געבראָכען איז דעם אַלטען'ס שטאָלץ,
איז עלענד ווי אַ שטיין, אַ האָלץ,
דער אַלטער האָט דערלעבט די בעסטע צייטען.

אַלעס געהט צו גרונד, א. ז. וו. (רעפריין).

די ליידען פון אַ פרוי *)

.1

אין אונזער וועלטעלע, וואו נאָר אַ טרויערקייט,
וואו נאָר עס הערט זיך איין אוי !
צרות און אונגליקען, ביטערקייט, זויערקייט,
דאָס אַלעס שטעהט אויס די פרוי.
זי איז געבאָרען נאָר אימער צו פּלאָגען זיך,
ס׳גיסט זיך ווי וואַסער איהר בלוט,
זי דאַרף נאָך שווייגען, קיין מאָל ניט בעקלאָגען זיך,
אָננעהמען אַלעס פיר גוט.
זי איז אַ שפּיעלצייג, איין הפקר־זאַך,
ווי אָהן א רודער אַ שיף,
בלוטיגע סודות טראָגט זי א סך,
פערבאָרגען אין הערצען טיעף...
דאָס פרויען הערץ,
עס ברענט פאַר שמערץ,
אַ מאָל פאַר ליעבע, אַ מאָל אויס האַס,
אַ מאָל פאַר אַ ביטערען שפּאַס . . .

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאָדאָר לאהר, 286 גרענד סטריט, נויארק. רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאָן סטס.

ר ע פ ר י י ן :

די פרוי, ווי אָפט אַלס אָפּפער זי פאַלט,
די פרוי, ווי גיך זי ווערט גרוי און אַלט,
מעג זיין אַ זעלטענהייט, גוט, עהרליך, טריי
דאָך איז זי אויף צרות סיי ווי סיי.

.2

קוקט אָן אַ מאַמע פון קינדערלאַך קליינינקע,
ווי זי פלאַגט זיך, זעהט,
גאָר ניט לאַנג האָט מען גערופען איהר שעהנינקע,
יעצט קוקט זי אויס אַ סקעלעט.
קליין זיינען איהר פון געוויין איהרע אויגעלאַך,
זיך אויפגעגעסען די לונג.
זי קוקט רחמנות'דיג אויף איהרע פויגעלאַך,
וויים, אז זי וועט שטאַרבען יונג.
קלעהרט, אַז אַ שטיעפמוטער ירש'ענען וועט איהר,
זי פאַלט אין אָהנמאַכט פאַר שרעק,
קומט ! מיינע קינדערלאַך ! קומט, קומט צו מיר !
לאָזט מיך פון אייך ניט אַוועק ! . . .

דאָס פרויען הערץ, א. ז. ו.   (רעפריין).

די פײלכען בלומען

(נאָך הײנע).

.1

איך שיק גאַנץ פריה דיר פײלכען בלומען,
וועלכע איך געפין אין וואַלד.
ווי דער אבענד האַלט אין קומען —
ברענג איך ראָזען מיט זיך באַלד.
אין די בלומען ליעגט אַ זינען
אײנגעוויקעלט דאָרט אַ פראַכט:
בײ טאָג דײן טריײהײט צו פערדינען,
און דײן ליעבע בײ דער נאַכט.

.2

בלומען קלײנע, דערנער גרויסע . . .
פײלכען קלײבען איז ניט גרינג,
אבענדס אַ פּאָר קוסען הײסע,
מאַכט פערגעסען מיר אַלדינג.
ד׳וועל פאָר דיר די בלומען קלײבען,
פיעל עס ליעגט אין מײנער מאַכט,
זאָלסט בײטאָג נור טרײ מיר בלײבען,
און מיר ליעבען בײ דער נאַכט.

חוה *)

1.

זייט גאָט האָט פון אדם'ס ביין,
א חוה איהם געמאַכט,
אוי ! האָט ער זיך אויסצושטעהן,
פון איהר סיי טאָג, סיי נאַכט.
עסען ברענג איהר כאָטש אין בעט,
זי עסט אַ גאַנצען טאָג.
פרוף ניט גיב איהר אויף אַ העט,
א יאָמער איז, אַ קלאָג.
אָט געוויינט, און שוין אַ שמייכעל,
לאַנגע האָאָר און קורצער שכל,
באַלד פערגעסט זי וועמען זי האָט ליעב
ווען עס קומען אָן די צייטען,
אַז עס שטעכט איהר אין די זייטען,
נעהם כאָטש הענד און פיס און לויף אַרויס פון שטיב.
איין זאַך, אין שלאָף,
אוי, גוט איז זי אָהן סוף.

---

*) מוזיק צו דיעזע ליעד ביי א. גאָלדבערג, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.
רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

ר ע פ ר י י ן :

חוה, אוי ! אוי ! אוי ! חוה,
ווי קומט עס ?
חוה, מיר וואונדערט גאָר אָהן אַ שיעור.
חוה, אוי, אוי, אוי, חוה !
איך וואָלט געווען טשיקאַווע,
זעהן וואָס וועט אַרויסקומען פון דיר...

.2

ד׳האָב אַ חוה׳ן ווען געקענט,
אַ פּופּצעהן יאָהר געווים.
האָט געהאַט צוויי לאַנגע הענד,
און אויך צוויי קרומע פים.
איז געקומען פון עק וועלט,
אַ דאָרפּיש ווילדע קאַץ,
דינען האָט זי זיך געשטעלט,
און קוים געכאַפּט אַ פּלאַץ.
פון די טעפּלאַך פלעגט זי נאַשען,
און פלעגט זופּען פון די פלאַשען,
ס׳האָט די שטעדטיל דאַן מיט איהר גע׳רעש׳ט.
וואָס עס פלעגט איהר נאָר פערשמעקען,
פלעגט זי נאַשען, פלעגט זי לעקען,
ביז עס איז געוואָרען קענטיג אַז זי נאַשט.
ס׳איז פיין, ניט שלעכט,
ווער האָט זיך דאָס גערעכט ? . . . (רעפריין).

.3

ד׳האָב ניט לאַנג אין טענדערלײן,
פון ביזנעס דאָרט גערעדט,
ד׳זעה אַ דאַמע זיצט זיך פײן,
און פאָהרט אין אַ קאַרט.
ד׳האָב די דאַמע באַלד דערקענט:
די חוה פון אַמאָל.
טראָגט בראַסלעטען אויף די הענד
און דײמענדס אָהן אַ צאָהל.
אויסגעפּוצט גאָר װי אַ גרעפין,
ד׳ברעך מײן קאָפּ און קען ניט טרעפען,
װי זי איז געװאָרען אַזוי גרויס.
פרעגען זיך האָב איך גענומען,
און אײן ענטפער באַלד בעקומען:
עפּעס זאָגט מען פיהרט זי דאָ אַ בלאַטע הויז.
נו, נו, ס׳איז שעהן...
װי לאָזט זיך דאָס פערשטעהן?... (רעפרײן).

דער ענג שבת

1.

דער ענג שבת אין יעדער אידיש הויז,
מיט ריינקייט, מיט שעהנקייט, דער נחת איז גרויס,
די ווינקעלאך שיינען און יעדער מאכל ריכט,
פרייד ליעגט אויף יעדערן'ס געזיכט.
חלות פיינע ליגען אויפ'ן טיש,
מיט אַ קלאָהר טישטוכ'ל צוגעדעקט,
פון דעם צימעס, יוך, פלייש און פיש,
כ'לעבען אַז דאָס גאַנצע הויז פערשמעקט.
ער קומט פון שוהל און זאָגט זיין ווייבעלע
גוט שבת, מיט ניגון און מיט לשון,
ענטפערט זי איהם — גוט שבת.
נאָך דעם עסען און נאָך די זמירות,
ווען דאָס ליכט ווערט אויסגעלאָשען,
דערפיהלט מען ערשט דעם ענג שבת . . .
ס'גיבט גאָר פאַר שבת קיין בעסערם ניט.

ר ע פ ר י י ן :

דער ענג שבת, איז זעהר וואויהל און גיט,
ווייל נאָר שבת ברענגט רוהע פאַר דעם איד,
ער ווערט אַ נייער, א פרייער,

רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

אראפ דער שווערער יאָך,
ווי אַ בן מלך, אָך פרעהליך,
דאָס האלט איהם אויף די גאַנצע וואָך.
מיט גייסט און מיט גליק,
דער ענג שבת איז דאָך איין אַנטיק.

.2

אויף מאָרגען דאַוונען געהט ער אין דער שיל,
דער חזן מיט זינגער, זיי זינגען דאָרט פיעל,
ער קומט נאָכ'ן דאַוונען און נאָר אום צייט־פערטרייב,
זינגט ער דאָס איבער פאַר זיין ווייב . . .
זי ברענגט דעם טשאָלענט וואָס איז גאָר אַ פּראַכט,
דעם קוגעל, די קישקע, מיט גוטס אָנגעפיהלט . . .
אַלעס האָבען איהרע הענד געמאַכט.
ס'איז אַ מאכל, רעדט אייך וואָס איהר ווילט.
נאָך דעם עסען איז אַ תענוג
זיך לייגען שלאָפען
לכבוד שבת.
און שפּעטער האָט ער אַ גלעזעלע וואַרימס
ביי איהר געטראָפען,
וואָס זי האָט אָנגעגרייט נאָך פון ערב שבת.
ס'גיבט גאָר פאַר שבת קיין בעסערס נִיט. (רעפריין).

שלש רגלים *)

.1

דער יום טוב פסח, איז דאָך טהייער,
פריידע שאַפט ער אונז אַ גאַנצע וואָך ;
ס׳איז דער איד אַרוים אַ פרייער,
פון מצרים, פון שווערען יאָך. אָבער אוי ! גוואַלד !

וואו נעהמט מען אַ משה רבינו ?
ער זאָל אונז בעפרייען יעצט ;
אוי ! ער איז אימער אונזער מורינו,
אייביג איז ער געשעצט.

אין דעם יום טוב פסח ווערען אַלע שקלאַפען — פרייע,
היינט די קניידלאַך מיט די משקה איז טאַקי אַ מחיה.

ר ע פ ר י י ן :
דעם יום טוב האָב איך ליעב,
מען מאַכט לחיים אין יעדער שטיב,
ס׳ווערט וואַרים יעדעס גליעד,
ווי גוט איז צו זיין אַ איד.
נאָר עס און טרינק, זיי פרעהליך, טאַנץ און זינג.
ושמחת בחגיך אתה ובנך ובתך :
דעם יום טוב האָב איך ליעב,
מען מאַכט לחיים אין יעדער שטיב,

*) מוזיק צו דיזע ליעד ביי טהעאָדאָר לאָהר, 286 גרענד סטריט, נויאָרק.
רעקאָרד פיר פאָנאָגראַף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 אַ. האוסטאָן סטס.

ס'ווערט וואָרים יעדעס גליעד,
ווי גוט איז צו זיין א איד. אַ איד !

2.

דער יום טוב שבועות איז דאָך טהייער,
גאָט האָט אַ מתנה אונז געמאַכט ;
מיט שטורעם, דונער, בליץ און פייער,
א תורה'לע אונז געבראַכט. אָבער אוי ! גוואלד !
אידעלאַך סיי אָרימע, סיי גבירים,
פלעגען עולה רגל זיין ;
אוי ! דעם כהן גדול געבראַכט בכורים,
ס'איז געווען וואויהל און פיין.
דאָרום ציערען מיר אונזער הויז
מיט בלומען, בוימער און מיט ריטער,
און דאָס ווייב דערלאַנגט בלינטשעס,
געמאַכט פון קעז און פוטער. (רעפריין).

3.

דער יום טוב סכות איז דאָך טהייער,
פיעל דערמאָהנט עס אונז פון אַמאָל,
אָנגעזאַמעלט פול דער שייער,
פון די פעלדער אין ארץ ישראל. אָבער אוי ! גוואלד
ווי דערלעבט מען אַז מיר אידעלאַך,
זאָלען מעהר ניט זיין צו שאַנד ;
אוי ! מיר זאָלען שוין פרעהליכע ליעדעלאַך,
זינגען אין אונזער לאַנד.
דיזער יום טוב איז דאָך
סכות דוד, אונזער מלך,
און דאָרום דאַרפען מיר זיין
לוסטיג און פרעהלאַך. (רעפריין).

וואָס אַמעריקא האָט און מיין שטעדטיל האָט ניט

1.

איך בין דאָ געקומען, זאַמלען די מזומן;
און וועל דאָ פערבלייבען, אום נאָר אָנצוקלייבען —
ביי אַ פּאָר מיליאַרדען, דאַן שפּאַן איך דעם ירדן,
גלייך צוריק אין זשעטעל, אין מיין ליעבע שטעט'ל.
כ'וועל אויך טראַנספּאָרטירען, היזיגע מאַניערען,
ברענגען דאָרטען אַלעס
פון די היגע מעלות.
יאַ, אַמעריקא ווייס וואָס ס'איז פיין,
דאָס דאַרף אויך אין מיין שטעדטיל זיין.

2.

פּישע, פּיישע, קערטעל,
פּויקער, טערטעל מערטעל,
פּינאָקעל, קערסינע,
האָט נאָר די מדינה.
דאָס וועל איך דאָרט ברייננגען,
וועט מען פּראָסט זיך היינגען,
נעכט וועט מען דאָרט זיצען,
אין סאַלונען שוויצען.
ביי די סקונערס גרויסע, מאַכענדיג אַ כוסה,
און פערשפּיעלען, כ'לעבען, קאָפּ און לייב און לעבען.
יאַ, אַמעריקא ווייס וואָס ס'איז פיין,
דאָס דאַרף אויך אין מיין שטעט'ל זיין.

.3

באַיעס, גאַנץ בעצייטען, וועל איך לערנען פייטען,
אַז זיי זאָלען טויגען, מאַכען בלויע אויגען.
קענען אַלע טריקען,
ווי אַ וויסקע פליקען,
ווי פון טאַטען לאַכען,
ווי אַ פייער מאַכען ;
און מיט פייער קרעקעס,
זאָלען יונגע שנעקעס,
קנאַקען, קראַכען, שיסען,
ביז דאָס בלוט זאָל גיסען.
יא, אַמעריקא וויים וואָס ס׳איז פיין ;
דאָס דאַרף אויך אין מיין שטעט׳ל זיין.

.4

מיר איז דאָ געפעלען
בויערי און עללען ;
דיזע פיינע גאַסען,
וועלען דאָרטען פּאַסען.
טענדערליין די צנועה,
טשייני־טאַון, טשאַפּסויע,
וועלען עלטער, אינגער,
לעקען דאָרט די פינגער.
היינט די רעגטיים ליעדער,
הוטשי־קוטשי ווידער,
דאָס איך זאָל דאָרט שיקען,
וועט מען זיך דערקוויקען.
יא, אמעריקא וויים וואָס ס׳איז פיין,
דאָס דאַרף אויך אין מיין שטעט׳ל זיין.

אַ קהל'שע קליאַמקע

.1

ווען איך קוק מיך אַן, איך קען מיך ניט דערקאַנען,
וואָס פון מיר איז דאָ געוואָרען ?
איך לעב אַ לעבען פונקט ווי פירשטען, באַראָנען,
איך עס, איך טרינק, איך האָב גוטע יאָהרען.

געוועזען בין איך אין 'ראָפּא אַ קלאָגעדיגער שמש,
אין דער קליינער שטעדטיל קאַבצאַמבום ;
פון הונגער דאָרט געשטאָרבען דריי מאָל טעגליך ממש,
געבענשט ביסטו הייליגער קאָלומבוס!

.2

אין שטיפעל אָהן פּאָדעשוועס, אין לייוועגטענע הויזען,
בין איך דאָרטען געגאַנגען ;
אַ בולקע ! ניט געקראָגען ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען,
די הויט האָט זיך אויף מיר קוים געהאַנגען.

יעצט געה איך אין אַ סטאָוו־פּייפּ ווי אַ גרויסער שררה,
איך האָב אַ דעה אין דער קהל'שער פּישקע ;
מיין בייכעל, מיינע באַקען, זעהט, גיט כאַטש קיין עין־הרע,
מיט אַלדאָס גוטס איז אָנגעשטאָפּט מיין קישקע.

.3

פאַרטאָג פלעג איך שוין מוזען לויפען אין קלייזעל,
פאַר דעם קלענסטען האָב איך געציטערט ;
איך, מיט מיין געזינדעל, אין אַ חורבה'דיגע הייזעל,
מיט קאַרטאָפלעס האָבען זיך געפיטערט.

יעצט וואָהן איך אַליין אין פיער שטיבער גרויסע,
און קאַרטאָפלעס האָב איך ווי אַ שרץ ;
העלזעלאַך מיט לעבערלאַך, דאַצו אַ גוטע כוסה,
און מען האָט פאַר מיר דרך ארץ.

.4

מיין אַרבייט איז געווען נישט דאָ־געדאַכט פאַר ריחות,
אתרוג טראָגען און שלח־מנות,
בינדען די הושענות און קלאַפען צו סליחות,
דאָך ביי מיר וואַר יעדער טאָג אַ תענית.

אויף ברית'ן און אויף חתונות בין איך געווען אַ בעטער,
געגאַנגען בין איך אָבגעריסען שטענדיג ;
אָבער ביי קאָלומבוס'ן געביטען האָט זיך דאָס וועטער,
מען איז שוין מיר מכבד גאָר מיט סנדק.

קליינע גנבים הענגט מען און גרויסע באַנדיטען שענקט מען

.1

די וועלט איז פערזאָרגט מיט פערברעכער,
דאַרום עקזיסטירט קרימינאַל,
דער לעבען וואָלט ניט געווען זיכער,
מען וואָלט נאָר גערויבט איבעראַל.
מיר האָבען רעגירער און ריכטער,
בעשיטצער דורך אייזערנע ווענט,
נאָר זעלטען גאָר טרעפט מען זיי ניכטער,
אויך זיי האָבען גאַנץ לאַנגע הענד.
דער גביר לעבט גוטע טעג, צו רויבען פריי ער מעג,
און זאַמלען קאַפּיטאַל,
דער אָרימער אוים נויטה, ער גנב'עט נאָר אַ ברויט,
איז דאָ אַ קרימינאַל, יא

ר ע פ ר י י ן :

אָט דאָ איז דער שפּריכוואָרט אָם פּלאַטץ,
גערעכטיגקייט הערט מען ווי די קאַטץ,
די קליינע גנבים הענגט מען
און גרויסע באַנדיטען שענקט מען.

.2

די רייכע, וואָס זיי זיך ערלויבען
וואָס זיי וואַרפען אין זיך אַריין,
זיי פרעסען געבראָטענע טויבען,
און טרינקען און זויפען פיעל וויין.
זיי מאַכען זיך אַלע טאָג בעלער,
און טאַנצען און שפּרינגען אָהן מאָס,
און נאָך אַמאָל פול פּעטע טעלער,
אַז אויסקריינקען זאָלען זיי דאָס.
דער רייכער טרינקט אָהן שיעור, דעם גוטען וויין און ביער,
דעם אַרבייטער'ס בלוט און גאַל,
דער אָרימער אויס פּיין, אַז ער נאָר גיסט אַריין,
איז דאָ אַ קרימינאַל, יאָ!
אָט דאָ איז דער שפּריכוואָרט, א. ז. וו. (רעפריין).

.3

דער רייכער האָט זיהן און האָט טעכטער,
וואָס גאָלד אין זייערע העלזער מען גיסט,
זיי האָבען קיין שומרים, קיין וועכטער,
און טהון וואָס זייער האַרץ נור גליסט,
דער זוהן שפּיעלט גאַנצע נעכט אָפּ אין קאָרטען,
די טאָכטער אין גאָר איין אַנדער שפּיעל,
מען זעהט איהר גאָר שפּעט אין דעם גאָרטען,
מיט איינעם ווי טייבעלאַך שטיל.
די טאָכטער פון גביר, פערדאָרבען גאָר אָהן אַ שיעור,
פערדעקט מיט קאַפּיטאַל;
די דיענסט־מויד ווען מען טרעפט ביי אויך אַזאַ געשעפט,
איז דאָ אַ קרימינאַל, יאָ!
אָט דאָ איז דער שפּריכוואָרט, א. ז. וו. (רעפריין).

אַ פויגעל אין אַ גאָלדען שטייג

1.

דער באָלל זעהט דאָרט אויס פול גלאַנץ און פּראַכט,
דאָרט זיינען די רייכסטע לייט.
די ווירטהין, פון יעדען ווערט געאַכט,
איהר שעהנהייט צו זוכען איז ווייט,
מיט פּעריל, ברילי‌אַנטען פון קאָפּ ביז די פים;
פון די בעסטע וואָס איז נאָר פאַראַן,
איהר שמייכעל פול יוגענד איז ליעב, איז זים;
ווען זי אַרמט איהר אַלטען מאַן.
דאָך איז זי אַ פויגעל אין אַ גאָלדען שטייג,
ווייל ניט אין קיין גאָלד ליעגט גליק,
די פויגעל צו זעהן ווינשט אַ בוים, אַ צווייג;
די פרוי — איין ליעבענדעם בליק.
גאַנץ עלענד איז זי אין איהר רייכע הויז,
זי ליידעט און מאַכט אַ שווייג,
אין הערץ דאָרטען טיעף איז דער שמערץ, אַך גרויס!
ווי דאָס פויגעל אין גאָלדען שטייג.

2.

איהר קומט אין אַ סטאָר, אין אַ גרויס געשעפט,
ס'איז אַלעס גראָסאַרטיג רייך,
די הונדערטע מענשען, דאָרט איהר טרעפט,
די קאַסירערין מערקט איהר גלייך,
אַרום געצאַמט ווי אין אַ שטיבעלע פיין,
זי זיצט און דאַרף קיין זאַך טהאָן...

און די אַלע געלדער וואָס די סטאָר טראָגט איין,
נאָר אין איהרע הענד קומט עס אָן.
דאָך איז זי אַ פויגעל אין אַ גאָלדען שטייג,
ניטאָ וואָס מקנא צו זיין.
זי איז פון אַרמוטה אַ גליעד, אַ צווייג,
און ווייס נאָר פון נויטה און פון פיין;
איהר קראַנקע פאַמיליע ליעגט צו הויז,
זי ליידעט און מאַכט אַ שווייג,
אין הערץ דאָרטען טיעף איז דער שמערץ, אַך גרויס!
ווי דאָס פויגעל אין גאָלדען שטייג.

3.

די ערד איז פיין און מיט אַלעם רייך,
און גוט איז זי איבעראַל:
זי גיט די פּראָדוקטען פיר אלען גלייך,
מיר שעפּען ווי פון אַ קוואַל;
זי גיט אונז דאָס לעבען, זי גיט אונז קראַפט,
זי נעהמט ביי אונז קיין געצאָהלט,
מיר זויגען פון איהר אַרויס איהר זאַפט,
פון איהר אויך מיר ציהען דאָס גאָלד,
דאָך זיינען מיר פויגלען אין גאָלדען שטייג...
צום שפּיעלצייג פיר איין מאַגנאַט,
זיך נעהמט ער אַלעם און גיט אונז אַ פייג;
און מאַכט עס נאָך כשר און גלאַט,
מיר שקלאַפען, מיר בויען פיר איהם אַלץ אויס...
מיר ליידען און מאַכען אַ שווייג...
אין הערץ דאָרטען טיעף איז דער שמערץ, אַך גרויס!
ווי דאָס פויגעל אין גאָלדען שטייג.

דער הערינג

.1

נעהמט אַ הערינג, ווייקט איהם אויס,
און שינדט אראָפּ זיין הויט,
גיסט אָן עסיג, ווייַן און בוימאויל,
בראָקט אָן צוויבעל, קרויט,
לאָרבער בלעטלאַך, שטיקלאַך צימרינג,
בשמים אַלערליי,
פעפער, אינגבער און צושניידט אויך
האַרטע אייער צוויי.
רייבט אָן קנאָבעל, שטויסט אָן צוקער,
עס זאָל שנעל צוגעהן.
לעגט טומייטעס, מיט פּאַטייטעס,
האַרצעצע מיט חריין.
האַקט עס איין און מישט עס אויס,
און פּוצט עס צו ווי רייך,
און דערלאַנגט עס — און דערקענען
וועלען אַלע גלייך:
אַז: אַ הערינג, אַט דער ר׳ הערינג,
שמעקט מיט הערינג נאָך,
דער הערינג הערט זיך דאָך...

.2

אַ מלמד אין אַ קליינע שטעט'ל
האָט געקנעלט,
מיט פיעל קינדער קליינטשקע,
פאַר קליין שכר־למוד־געלד.
פּאות לאַנגע און אַ בערד'ל
ווי ביים קהל'שען צאָפּ,
און זיין פלונית'טע פלעגט רייסען,
געבען אָפט אַ דראָפּ.
פלוצלונג מאַכט ער אַ ויברח
אין דעם גאָלדען לאַנד,
שייוועט זיך אָב און פוצט זיך אויס
ווי דער גרעסטער פראַנט.
קריגט איין אַלטע רייכע כלה,
און פעררייסט זיין נאָז.
רעפאָרמירט זיך און דערקענט מען
טאַקי אָן זיין בלאָז:
אַז: אַ מלמד, אין מלמד
שטעקט מלמד נאָך,
דער הערינג הערט זיך דאָך.

.3

פון דערהיים אַ בעל עגלה,
כ'האָב איהם גוט געקענט,
און אין טורמע אויך געזעסען
פאַר די לאַנגע הענד.
איז פון קערקער דאָך אַנטלאָפען
און געקומען היער,

זיינס אַ צעטעל האָט געוואונען,
ער איז שוין גביר.
פרעזידענט פון חברה נעהמער
איז ער אויך שוין היינט,
און מיט שטעקענס טרייבט ער, יאָגט ער
זיינע אָרימע פריינד.
ווי דער שטייגער — פאַר עליות
צאָהלט ער דאָך גאַנץ רייך,
מאַכט די ברכה — דאַן דערקענט איהר
איהם שוין אַלע גלייך,
אַז : בעל עגלה, אין בעל עגלה,
שטעקט בעל עגלה נאָך ;
דער הערינג הערט דיך נאָך.

.4

אַ בעהעלפער אין אַ חדר
געוועז איז ער אַ צייט,
אויף זיין פּלייצע פלעגט ער שלעפּען
קינדער פון גאַנץ ווייט.
אויסגענאַרט ביי זיי דאָס עסען
האָט ער זעהר קלוג,
האָט ניט איינמאָל אויסגעקרענקט,
געכאַפּט די פּעטש גענוג.
אין אַמעריק׳ האָבען מיידלאַך,
איהם פערגעטערט גאָר,
און געקרוינט איהם פאַר אַ שטערען,
פאַר איין הויפּט־אַקטיאָר.
מאַכט ער חנ׳דעלאַך, דרעהט דעם קאָריק,

איז אַ העלד, קאַקעט
איהר דערקענט איהם ווען צוויי ווערטער
איהר מיט איהם נאָר רעדט.
אַז : בעהעלפער, אין בעהעלפער
שטעקט בעהעלפער נאָך ;
דער הערינג הערט זיך דאָך.

.5

אַ פערשייטע, ווילדע חצופה,
נאָך פון יונגערהייט.
פון איהר בליק, איהר פרעכעס לאַכען,
ווערען פלעגט מען רויט.
פלעגט ווי מאַריע שאַפען געטער,
כ׳וויים ניט ווי אַזוי,
און זיי שיקען אין די הימלען,
שנעל גאָר איינס און צוויי.
נאָר די צייט, דער שטרענגער עלטער,
איז געקומען שנעל,
זי אָהן ציינער, פול מיט קנייטשען,
איז שוין גרין און געל.
זאָגט זי תהלים, און ווער ס׳זינדיגט —
מאַכט זי אַ גוואַלד !
נאָר עס העלפט ניט, איהר דערקענט מען,
נאָך איהר שרייען באַלד,
אַז : אַ חצופה, אין דער חצופה,
שטעקט חצופה נאָך,
דער הערינג הערט זיך דאָך.

נדן־געלד

.1

רעדט אַ שידוך וועלכען מאַן,
וועט איהר הערען דעם געדאַנק:
אויב די כלה האָט נדן?
אויב זי טראָגט גענוג אין באַנק?
מעג זי זיין כאָטש אָהן געשמאַק,
אָהן געפיהל, ניט שעהן, ניט פיין,
קוים האָט זי נאָר געלד אַ פּאַק,
איז מזל טוב! ער שטימט שוין איין.

אַ ביסעל שפּעטער, דאַן ערשט דערזעהט ער,
וואָס ער איינגעהאַנדעלט האָט.
נאָר פערפאַלען, ס'איז נאָך אַלען,
שפּעט דערוויסט ער זיך דעם סוד:

רעפריין:

אַז נדן־געלד, איז פעסט געשטעלט,
האָט קיין קיום און קיין פּראָפיט,
יענער מאַן, וואָס זוכט נדן,
קריגט קיין רעכטע סחורה ניט.

נעהם אַ ווייב, איין זעעל איין לייב,
מאַך קיין מסחור פון דיזען שריט,
ווייל נדן־געלד איז פעסט געשטעלט,
האָט קיין קיום און קיין פּראָפיט.

.2

איינער האָט געכאַפּט אַ גליק,
ער האָט גענומען געלד וואָס מעהר,
נאָר דערפאַר אַ ווייב אַ שטיק
צרה אויף זיין קאָפּ האָט ער.
מאַכען לאָזט זי זיך אָהן צוועק
דרעסעס, העטס און רעטס אַ פּאַק,
ס'איז דאָס געלד שוין לאַנג אַוועק,
און געבליבען איז זיין שלאַק.

זי טויג אויף צרות, אויף צעהן כפּרות,
און אַ פּיסק האָט זי, אַך ! גאָט !
ער וואָלט גערען, פּטור ווערען,
שפּעט דערוויסט ער זיך דעם סוד : (רעפריין).

.3

מיידלאַך, הערט זיך איין מיין ראַטה :
ווען אַ בחור קומט צו אייך,
זאָלט איהר פאַר דעם הרי את
איהם ניט צוזאָגען קיין זאַך,
רעדט ער אוים דעם וואָרט נדן ?
הייסט איהם שפּאַנען הינטער־טריט,

ער מעג זיין דער שעהנסטער מאַן,
צוצאָהלען דאַרפט איהר איהם ניט.

האָט גאָר קיין מורא, ס'קלעקט דיזע סחורה,
פונקט ווי שוועמלאַך אין דעם וואַלד,
אויב ניט בערל, וועט זיין שמערל,
איהר אַליין ערקלעהרט איהם באַלד. (רעפריין).

.4

אין אַ געסעל שפעט ביי נאַכט,
איז געשטאַנען זיך אַ מויד,
כ'האָב אַן אנפראַגע געמאַכט
וואָס איהר צווינגט צו דיזען ברויט ?
און געענטפערט האָט זי שאַרף,
„איך פערטרוי אײַך יעצט מיין פלאַן,
הייראַטהען איז וואָס איך דאַרף,
און איך קלייב עס אויף נדן...

זיין פיין און עהרליך, איז זעהר שווערליך,
אָנצוטהאָן אַ חופה־קלייד".
איהר טהעאָרעטיק, האָט בעשטעטיגט
גאָר אין גאנצען מיינע רייד. (רעפריין).

קומט צום פּאָינט

1.

אויף אַ וויכטיגען מיטינג האָט איינער
גענומען דאָס וואָרט, און איך דיינק
דאָס פאָרגעשטעלט האָט זיך גאָר קיינער,
אַז דער איז אַ נודניק, אַ קריינק.
גערעדט האָט ער נאָר מיט משלים,
אַ מעשה געבראַכט פון אַ בער,
באַלד האָט ער דערצעהלט זיינס אַ חלום,
נאָכדעם פון זיין שוויגער און שווער.
ס'איז אַ שטונדע שוין אַוועק,
און עס נעהמט קיין סוף, קיין עק.
מענשען זיינען אויפגערעגט,
און ער, ער שניידט און האַקט און זעגט.
פון אסתר המלכה, פון שמשון הגבור,
דאַ שלאָגט איהם דער פרעזידענט איבער.

רעפריין:

„קומט צום פּאָינט! מארודעט ניט!
מיסטער לעבען, נודעט ניט!
איהר פערקריכט, ווער ווייסט וואו הין?
קיין געוויכט האָט, און קיין זין
אייער גאַנצע פלאַפלעריי,
פערליערען צייט איז ניט כדאַי,
וואָס מען דאַרף און וואָס עס לוינט,
איז קורץ און שאַרף, צום פּאָינט”.

2.

ס'איז בעגאַנגען געוואָרען אַ שווינדעל,
אַ ריעזיגע באַנק האָט געקראַכט,

געכאַפּט האָט מען פון דעם געזינדעל
אַ העכט, און צום ריכטער געבראַכט.
די דזשורי האָט איהם גלייך בעפוילען,
אַלץ אויפדעקען זאָל ער פאַר זיי,
און ער האָט גענומען דערצעהלען:
ס'איז ווינטער געגאַנגען אַ שנעע,
נאָך דעם געקנאַקט האָט שטאַרק דער פראָסט,
מען פרעגט איהם פון דעם שווינדעל־טראָסט —
איז אויפ'ן הימעל אַ יריד.
זיי ווערען אויפגערעגט און מיעד,
און ער איז פון הודו ביז כוש פערקראָכען.
דאָ האָט איהם דער דזשאָדזש אונטערבראָכען:
(רעפריין).

3.

צו אַ יונגע, אַ רייכע אַלמנה,
וואָס איהר האָט אַ חבר געפעהלט
האָט איינער מיט גאָר גרויס כונה,
איהר ליעבע ערקלעהרען געוועלט.
גערעדט האָט ער אָנפאַנגס פון וועטער,
נאָכדעם פון מוזיק, פּאָעזיע,
פון ענגלען, געטינען און געטער,
פון דראַמאַ און פון טראַגעדיע.
עס איז שוין שפּעט, שוין האַלבע נאַכט,
זי וואָלט שוין לאַנג איהר בעט געמאַכט,
בעפרייט זיך פון איהר טואַלעט,
נאָר ער, ער לאָזט ניט, רעדט און רעדט,
פון נאָרד פּאָל, פון זיד פּאָל, פון היץ און פון פיבער,
דאָ שלאָגט איהם דאָס ווייבעלע איבער: (רעפריין).

ס׳פעהלט דעם חזיר הערנער אַ פּאָר

.1

אַ חזיר זאָל האָבען נאָך הערנער,
בעהיט און בעשירמע אונז גאָט!
פון בלומען געמאַכט וואָלט ער דערנער,
וואָלט איבערגעקעהרט גאָר די שטאָדט.
עס איז אַזוי אויך פון איהם ניט אויסצושטעהן,
זיין כרוק און זיין שנוק, זיינע פאָדערשטע ציין,
וואו ער שטעלט אַ פוס דאָרט פערשפּאָרט וואַקסען האָר,
עס פעהלט אָט דעם חזיר נאָך הערנער אַ פּאָר.

.2

אַ מיידעל מיט אַלע זיבען זאַכען,
מיט חן און מיט מעלות אָהן שיעור,
קען רעדען פערשיעדענע שפּראַכען
קען זינגען, קען שפּיעלען קלאַוויר.
צו איהר זיך גע׳שדכנ׳ט האָט איין יונגער מאַן,
נאָר ער האָט ערפאַהרען זי האָט קיין נדן,
איך געה ניט, זאָגט ער, צו דער חופּה, און גאָר.
עס פעהלט אָט דעם חזיר נאָך הערנער אַ פּאָר.

.3

אַ גראָבער, אַ רייכער עם הארץ,
אַ פּיאַווקע וואָס לעבט פון פּראָצענט,

אין שוהל האַלט ער זיך פאַר אַ פּריץ,
אוּן וויל דורכאויס זיין פּרעזידענט.
ער זאָגט אַז ער קען דאָרטען אויפטהאָן אַ וועלט.
נאָר איהם זאָל מען ברענגען פון שוהל גאָר דאָס געלד,
היינט שלישי אוּן ששי זאָל איהם געהערען נאָר,
עס פעהלט אָט דעם חזיר נאָך הערנער אַ פּאָר.

4.

עס איז צו אַ דענטיסט געקומען,
אַ פריילין מיט שרעקליכען שמערץ,
ער האָט איהר דעם צאָהן גלייך גענומען,
אויך איז איהם געפעלען איהר הערץ.
איהר טרייסעלט אין פיבער, זי שרעקט זיך אָהן שיעור,
אוּן ער האַלט נאָך אַלץ אין פערשלעפערען איהר.
אַ גליק וואָס זיין ווייב איז געקומען בעפאָר,
עס פעהלט אָט דעם חזיר נאָך הערנער אַ פּאָר.

5.

אַ זיבעציג יאָהריגער אלמן,
זיין קאָפּ איז שוין ווייס ווי דער שנעע,
פיער ווייבער בעגלייט צום בית עלמין,
אוּן יעצט זוכט ער נאָך אַ פּאַרטיי.
ער שיקט נאָך שדכנים אוּן זאָגט זיי „געדענקט,
קוים האָט איהר אַ מיידעל, זייט מוחל אוּן ברענגט,
ס'מאַכט ניט, זי מעג זיין כאָטש זיבעצעהן יאָהר".
עס פעהלט אָט דעם חזיר נאָך הערנער אַ פּאָר.

איהר זייט אַ גרינער

.1

אַמעריקאַ, זעהט איהר, געפעהלט מיר שוין גאָר ניט,
די עולות צו זעהן ווער איך מיעד,
צובראָכען דער גלויבען, מען טהוט וואָס מען טאָר ניט,
קיין שבת, קיין יום טוב, קיין איד.
רבנים, כלי קודש, אַך! צרות און לײדען!
מען האַלט זיי פערצאַמט אין אַ שטייג.
מען צאָהלט זיי פאָר שווייגען, מען הייסט זיי ניט ריידען,
און זיי טאַקי מאַכען אַ שווייג.
וואָס שווייגט איהר רבנים? דאָס האָט דאָך קיין פנים!
אייז אַנטוואָרט בעקום איך דאַראָף,
עס הויבט אַזש מיין מוח מיר אָף:
רעפריין:
איהר זייט אַ גרינער, זייט מיר מוחל,
ס'פעהלט אייך אַמעריקאַנער שכל,
וואָס דאַרף אייך אַרען? איהר וועט ערפאַהרען,
אַז איהר זייט אַ גרינער, זייט מיר מוחל.

.2

ווי שווער איז די אַרבייט פון קינדער־ערציהונג,
און דאָך, יעדער נעהמט זיך עס אָן.

און פרעג זיי בחרם וואָס נוצט צו די בליהונג,
די פפליכטען וואָס זיי דאַרפען טהאָן.
און דאָ, אַך ! די לויפּערס, די אויגען ווערט פינסטער,
זיי פייטען, זיי וואַרפען אַ שטיין,
און רייסען אַ בערדיל — דאָס קען דאָ דער מינסטער,
זיי לאַכען פון טאַטען אַליין.
וואָס שווייגט איהר ערציהער ? פערכאַפּט עס אַ פריהער!
איין אַנטוואָרט בעקום איך דאַראָף, א. ז. וו. (רעפריין)

3.

און דאָס איז גאָר שרעקליך, מעגט איהר מיר טרויען,
איהר מענער, איהר נעהמט צופיעל רעכט,
ווי שלעכט איהר בעהאַנדעלט אייערע פרויען,
זיי אַרבייטען שווער טעג און נעכט.
זיי בלייבען אָהן ציינער, אָהן קרעפטען, אַך ! קלעגליך !
ווי שרעקליך זיי זעהען דאָ אויס !
און מעשות פון מיסעס מיט באָרדערס, טאָג טעגליך,
דאָס פעהלט ברוך השם אין קיין הויז.
וואָס שווייגט איהר, אָה מענער? צו איז שווייגען שעהנער?
איין אַנטוואָרט, א. ז. וו. (רעפריין).

זאָל מיינס איבערגעהן

.1

א ווייבע הארץ ווער נאַר עס האָט,
איז נעבאך פערשאָלטען פון גאָט.
ער לאָזט אַלץ איבער, זאָגט ס'דאגה מיר,
דאָס טרייבט אָבער צו שקלאַפעריי ;
זיין ווילען איז קיין מאָל ניט פריי,
און פאַר זיין גוטסקייט ליידעט ער אָהן שיעור.
איך קען אַ מאַן וואָס האָט אַ ווייב,
וואָס פאַטשט און קנייפט זיין לייב,
זי שילט און שלאָגט און ברענגט איהם אוים פיעל,
פרעג איך איהם : דו נאַר, דו בראָך,
אַ ווייב ווי גיסטו נאָך ?
גיט ער אַ שמייכעלע און זאָגט צו מיר אין דער שטיל :
ר ע פ ר י י ן :
זאָל מיינס איבער געהן,
איך ליעב אַלץ נאָכצוגעבען,
אָבוואָהל איך וויים אַליין,
אַז עס קאָסט מיר לעבען.
נור וויסען וויים דער רוח,
איך קען ניט זאָגען ניין,
בעט יענער טראַכט איך זיך,
נו נו, זאָל מיינס איבערגעהן.

---

*) מוזיק צו דיעזע ליעד ביי א. גאלדבערג, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.
רעקארד פיר פאנאגראף ביי מייערס, 101 עסעקס און 196 א. האוסטאן סטס.

.2

א פינסטערער שמוציגער שאָפּ,
עס גיט גלייך דער אָטהעם אַ כאָפּ,
דאָרט נעהען, שטעפּען, מענשען דוכט זיך מיר !
און גיב איך אויף זיי נאָר אַ בליק,
דאַן גיט עס אַ שטוים מיר צוריק,
דאָס זיינען מתים. און איך לויף צום טיהר.
דער פאַרמאַן שרייט, דער באָס נאָך מעהר,
עס פאַלט פון האַנד די שעער,
עס קלאַפּט, עס רוישט, עס מאָלט ווי אין אַ מיהל.
פרעג איך איינעם מיט פאַרדראָס :
וואָס חנפ׳עסטו דיין באָס ?
גיט ער אַ זיפּצעלע און זאָגט צו מיר אין דער שטיל :
(רעפריין).

.3

אַ מיידעל וואָס האָט שוין געהאַט
פיעל צער פאַר איהר נאַרישען טהאַט ;
צו גלויבען אין אַ יונגען פוסטען פראַנט.
פערלאָזען האָט ער איהר אויך באַלד,
דערוואוסט האָט מען זיך פון דעם גוואַלד,
און זי איז געווען צו שפּאָט און שאַנד.
געמיינט האָב איך עס טהוט איהר באַנג,
זי וועט געדענקען לאַנג,
דערוויס איך זיך פון נאָך ראָמאַנען פיעל.
איך כאַפּ איהר אָן און פרעג ביי איהר :
זאָג, סטייטש, וואָס איז מיט דיר ?
מאַכט זי אַ חנ׳דעלע און זאָגט צו מיר אין דער שטיל :
(רעפריין).

געקרוינט מיט עהרליכקייט



מאַכט איז געלד, דאָך עהרליכקייט
איז און מוז דאָך העכער שטעהן.
קענסט שטאָלצירען ברייט און ווייט,
ס'איז דיין נאָמען גין־גאָלד ריין.

קען דיין פעהיגקייט אין דיר
אלדאָס גוטס און גליק דיר געבען ;
בּיסט אַ אידישער גביר,
ריין דיין רעקאָרד אַלס באַנקיר,
עהרליכקייט, דאָס איז דיין שטרעבען.

געווידמעט מיין פריינד ה' מאַקס קאָברע, באַנקיער,

41 קאַנעל סט. נויארק. 1783 פּיטקין עוו. בראַנזוויל. 81 גרענד סט. ברוקלין.